און מער האט זיי שוין קיינער נישט געזען.

דער רושם אין דער וועלט צוליב זייער פארשווונדן איז געווען אויסערסט גרויס. אלע גרעסטע טרייד יוניאנס, אלע שרייבער ארגאניזאציעס, די פראָמינענטסטע פערזענלעכקייטן אין דער וועלט האבן געשיקט פעטיציעס צו דער סאוויעטישער רעגירונג צו באפרייען די צוויי מענטשן. צוערשט האט סטאלין און אלע זיינע מיטהעלפער געלייקנט שטיין און ביין. זיי וייסן גארנישט צי מען האט זיי ארעסטירט. ערשט פערצן חדשים שפעטער — נאך אומאויפהערלעכע פאדערונגען צו אנטפלעקן זייער גורל — האט ליטווינאוו, דער סאוויעטישער אמבאסאדאר אין וואשינגטאן, צוגעשיקט א בריוו צו וויליאם גרין — דעם פארזיצער פון דער אמעריקען פעדעריישן אף לייבאר, און וועלכן ער האט געמאלדן אז הענריק ערליך און וויקטאר אלטער זיינען דערשאסן געווארן... די דאטע פון דער הינריכטונג איז קיינמאל נישט אנגעגעבן געווארן. ווארשיינלעך איז דער מארד אויסגעפירט געווארן אין דערזעלבער נאכט ווען מען האט זיי ארויסגערופן פון האטעל. ס'האט זיך אנגעהויבן די אויסראטונג פון די יידן אין רוסלאנד. און ווען איז דאס געשען? און דער נאכט פון 3טן אויפן 4סטן דעצעמבער 1941. גראד אין דערזעלבער צייט ווען היטלער האט אנגעצונדן די קרעמאטאריעס אין אוישוויץ און אין אלע אנדערע קאנצענטראציע לאגערן.

---

א הארציקן מזל טוב צו אונזער פריינט דעם פעדאגאג און שרייבער, **יעקב** און **הינדה בארד** צו די תנאים פון זיינער עלטסטן זון **ברוך** מיט זיין אויסדערוויילטער **בת-שבן האריס.**

לשון און לעבן

דער קולטור קאמיטעט פון דער בריטישער סעקציע פון יידישן וועלט קאנגרעס און דער פאריין פון יידישע זשורנאליסטן און ליטעראטן, ענגלאנד

**קבלת פנים לכבוד**

דעם 70-טן געבוירנטאג

פון אונזער דיכטער

**א. נ. ש ט ע נ צ ל**

**זונטיק, דעם 26־מערץ, 1967, פונקט 3 א זייגער**

רעדנער:

ש. גאלדשמידט, יוסף לעפטוויטש, ד״ר יעקב מייטליס

פארזיצער: יוסף פרענקעל באגריסונגען משקה און צובייסן

יוליאן גאלד וועט רעציטירן פון שטענצל׳ס לידער

איינטריט פריי

**יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס**

(בערנער סטר. 33 א.ו. בערנארד באראן סעטלמענט — 3 א זייגער)

שבת, דעם 18׳טן מערץ — יידישער הומאר. אייזיק גאלדבערג וועט לייענען וועגדראַוס הומארעסקעס, לכבוד וועגדראַווס 90קן געבוירן יאר.

שבת, דעם 25׳סטן — א פורים פראגראם. י. ריכטיגער: פורים פאלקלאר.

שבת, דעם 1׳סטן אפריל — מנשה ווייסגראז און נעט רובין — שלום עליכמען.

שבת, דעם 8׳טן — די ענגלישע ארבעטער פארטיי — סעם לעוו.

שבת, דעם 15׳טן — די יארצייטן פון י. ה. לעווי ס. פאלמע און קיטי בראון.

270

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 6 (העפט 426) — אכט און צוואנציקסטן יאר — יוני לאנדאן

א י נ ה א ל ט :

ספירה טעג שנת תשכ״ז „מה שפגמתי שבספירה — גבורה שבגבורה״, ל״ג בעומר 1967 ........ *** 1
דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא ........ מאיר באגדאנסקי 7
די נישט דערמאנטע ........ יעקב ריכטיגער 9
מיין געבוירנשטאט (ליד) ........ יוסף לעפטוויטש 13
ביכער אויף מיין טיש (רעצענזיעס) אונזער גאסט — משה גראס־צימערמאן פון ישראל ........ ש. י. דארפסאן 13
צוויי פרילינג־לידער, אנוכי, דוד המלך און בעל־שמס יארצייט (לידער) בראשית — אין אנהייב (המשך) ........ א. נ. שטענצל 16
העלענע קאוט, סעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד, אן אוונט פון יידישן פאלקלאר ........ י.פ.
אויף שלום אש׳ס קבר (ליד) ........ שמואל וויהט 32
יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס ........ 33
ארבער, ישראל און מאראל (אויסצוג פון אן ארטיקל אין „ניו־שטייטסמען״ פון 2׳טן יוני 1967) ........
סאברעס (ליד) ........ עלא זילבערג

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press.* 129-131 *Cavell Street, London. E.1*

מיר בעטן אונזערע אבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אבאָנאַמענט אפצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער אַרבעט.

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:—

‘LOSHN UN LEBN,” 17 DELAMARE BUILDINGS.

COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

## העלענע קאוט



די טאלענטירטע יינגע אקטריסע פון פוילישן יידישן טעאטער העלענע קאוט, האט אין בן־אורי פאריקן חו־דש געליינט די בארימטע דערציילונג פון שלום עליכם „שיר השירים". אין איר אינסצעניזירונג און אינם אויס־דרוק פון לייענען האט זיך געפילט א סך קינסטלערישער ווילן און אויס־דרוק.

## סעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד





דאס אקטיארן פאר סעם גאלדבערג און העלען ווינאגראד, האט געגעבן א ווארט קאנצערט פון יידישע לידער ביי יידיש ליטעראשין שבת נאכ־מיטאג, פון וועלכן דער עולם האט געהאט גרויס הנאה. די אקטריסע האט דערציילט פון דער שיינקייט פון ישראל. דאס באליבטע אקטיארן פארל וואס זיינען פאריקן חודש געקומען פון ישראל פארן איצט קיין אמעריקע. מ׳יר ווינטשן זיי א צאתכם לשלום.

## אנ׳אוונט פון יידישן פאלקלאָר

די יידישע קולטור געזעלשאפט האט איינגעארדנט א פארשטעלונג פון יידישן פאלקלאר אין דעם „ארטס טעאטער" אין „וועסט ענד". ספעציעל פאר דעם אוונט האט הערי אריעל אינסצעניזירט איציק מאנגער׳ס „נאענטע געש־טאלטן", אברהם רייזען׳ס „די שטאט" און אויך פרעזענטירט פראגמענטן פון אברהם גאלדפאדען׳ס „דיביידע קוני־לעמלס", „די כישופמאכערין" און „שול־מית". די אקטיארן דוד און מעטא סעגאל, בערנארד מענדעלאוויטש און סיידי סקאפ האבן געהאט א געלעגנהייט צו ווייזן ווי אלזייטיק טאלענטירט זיי זיינען. די זינגערין, קאטינקא סיינער האט געזינגען פאלקס־לידער און זיך באזונדער אויסגעצייכנט אין דער ראלע פון „שולמית" ווע זי האטן געזינגען מיט בער־נארד מענדעלאוויטש „די שבועה". הערי אריעל האט געשאפן וואונדערבארע קרעאציעס אלס „הערשעלע אסטראפאלער", „באבע יאכנע" און אנדערע. די שוישפילער האבן באוויזן אז לאנדאן פארמאגט נאך די געהעריקע קינסטלער צו פרעזענטירן דאס בעסערע יידישע ווארט און ליד. דער ענטוזיאזם מיט וועלכן די פארשטעלונג איז אויפגענומען געווארן פון דעם גרויסן עולם האט עס באשטעטיגט.

י.פ.


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 6 (העפט 426) · אכט און צוואנציקסטן יאר · יוני לאנדאן


## ספירה - טעג שנת תשכ״ז

### המלמד ידי לקרב ואצבעותי למלחמה

נישט נאקעטע, געיאגטע, אין גאז־קאמערן מיר גייען —
קייגן א שונא באוואפנט מיר ציען אצינד אין שלאכט!
„המלמד ידי לקרב ואצבעותי למלחמה" —
מיט דעם פערז, מיט דעם פסוק אין מויל, אויפגעוואכט היינט ביינאכט.

נאס מיינע באקן געוועזן, ס׳קאפן־קישן אזוי פייכט,
און ווי משוגע אין דער פינסטערניש כ׳האב ארייגעלאכט.

א נאקעטע איז מיין שוועסטער אין גאז־קאמער געגאנגען,
און מיין ברודערס אייניקל אין דער מלחמה אצינד גייט,
פון חרפה פלאמט מיין פנים, פון צארן מיין הארץ צעריסן:
איך, וואס האב איך דעמלט געטון און איצט, צי וואס בין איך גרייט?

„המלמדידי לקרב אצבעות ידי למלחמה",
פארבייס איך בייז די ליפן: גאט דיינע וועגן ווער פארשטייט?

### א רעזערוויסט

ער האט זיך ארויסגעגליטשט פון אירע הענט,
אבער זי פילט, אז זי האלט אים נאך אלץ;
אין אירע ציטערדיקע מאמע־פינגער,
שפירט זי די ווארעמקייט פון איר זונס האלדז.

און ער? מיט איין האנט געהאלטן די מאמע,
מיט צווייטער דאס געלאדענע געווער — —
יעצט לויפט ער און דריקט צום הארץ צו,
די ביקס מיט מאמעס בלישטענדיקער טרער.

## איז דאך גוט אז מ׳האט פאר עפעס צו ציטערן

1

איז דאך גוט אז מ׳האט פאר עפעס צו ציטערן,
ציטערט מען דאך איבער א געראטן קינד;
און אז געטון אמאל עס האט עפעס נישט רעכטס,
איז עס נישט די ליבשאפט, וואס מאכט איינעם בלינד?

נאך אזויפיל חבלי־לידה, — חבלי־משיח! —
דער בראכשטול ווי פארבלוטיקט איז ער געוועז,

אויסגעגאנגען שיער ס׳איז די מאמע מיטן קינד,
ביז א לעבעדיקס צאפלדיקס עס דערזען.

איז דאך גוט כאטש, אז מיט דער מורא בלויז מ׳קומט אפ,
דא געמאזלט, דא געפאקט, אצינד די ציין...
כאטש יעדן שבת מאכן א מי שברך:
געלויבט דער אויבערשטער — — ונאמר אמן!

אבער אצינד, אז ס׳קינד האט שוין זיינע ציינער,
אנרירן אים, זאל עס נאר וואגן איצט ווער:
איז דאך גוט, אז מ׳האט פאר עפעס צו ציטערן — —
בלויז אז דאס קינד גופא קיין מורא נישט מער.

2

די קבוצים, די מחנות־חלוצים,
ארום די הרי־ירושלים־געשטיין,
מיט לייב און לעבן זיך איינגעביסן,
און מיט קריצידיקע און קרישלדיקע ציין:

„זאל דאך קומען ווער אונז ארויסרייסן,
אז מיט יעטווידן בוים פארווארצלט זיך אליין!
א חוץ די אנדערע בערג באפרייען,
צוגעגרייטע מיר שטיין און גרייט אין קאמף צו גיין“.

מיט איינגעהאלטן שטילן אטעם,
האלט איין מאמע רחל איר יאמערלעך געוויין,
און די כותל־מערבי, תפילהדיק,
הארכט זיך איין, הארץ־קלאפעדיק, מיט איר יעדן שטיין.

„אבער יעדער נפש, וואס מוז פאלן,
פון ביידע זייטן באוואפנטע ביז די ציין...“
הערט זיך פון דער מערת־המכפילה,
פון טאטן אברהם דאס פאטערלעכע געוויין.

## קול ברמה

אז נישט אין מערת־המכפילה, ביים כותל,
נישט ביים קבר רחל, איז ווו מתפלל זיין?
אויף דער מערת־השואה מיר וועלן ארויף,
קול ברמה מ׳וועט דערהערן אונזער געוויין.

דעם קאפ אין אש פון די זעקס מיליאן קדושים,
וואס קאן נאך טיפערער ממעמקים זיין?
ווי אזוי אים איצט צוריק אויפהייבן קענען,
אז חלילה ווידער אין גלות מוזן גיין.



אל מלא רחמים שוכן במרומים — א גאט!
די חרפה אונז אנטון אצינד עס קאן נישט זיין!!
אין די זעק אש, פון די זעקס מיליאן קדושים,
אנגעטון אין אבלות גאט־צבאות אליין.

## „אך הפעם“...

א ייד באפאנצערט מיט א בארד,
שטעקט ארויס דעם קאפ פון א טאנק,
זיינע ליפן זיינען מתפלל:
„גאט, אין הימל כ׳שיק דיר א דאנק,
„אזוי־א, שמשון הגיבורדיק —
אנדערש ווי א גאז־קאמער־גאנג“!
און ר׳איז זיך מצרף מיט חברה,
אין זייער סאלדאטן געזאנג.

אז תמות נפשי עם פלישתים,
אצינד מיין איינציקער געדאנק;
מיין לייב און לעבן, מיין נשמה,
קדוש־האומה א געשאנק.
גאט, אזוי ווי ניצול געווארן,
פון קרעמאטאריע רויך־געשטאנק,
זיי מיך מציל, מענטשן צו מארדן,
שלום, מיין איינציקער פערלאנג.

## „מה שפגמתי שבספירה — גבורה שבגבריה“

פון „רבונו של עולם“

גרויס אפשר ס׳נס וואס בן גוריון איצט נישט בראש,
ער וואלט דאך געפאכעט מיטן שווערדל —
א קאזיאל וואס כאפט זיך אויפן שול דאך ארויף,
און פאכעט מיטן שפיציקן בערדל.

נישט קיין דלילה־העלדן ברויכן מיר אצינד,
די זיילן פון וועלט אינטערצוברעכן;
נישט ידי עשו — מיטן יד אדוישעם,
אויסצוהאלטן ביזן לעצטן דעכן.

דער הר־סיני קיין פולווער־פאס אין עזה־פאס,
דער עקבה — קיין שטורקאץ אויפצוברענען — —
ס׳איז דער „לא תרצח“, וואס באלויכטן האט די וועלט,
מענטש מיט מענטש ברידערלעך לעבן קענען.

סאוויעטן, פאראייניקטע־שטאטן, די יונא —
משיח נאך אונזער אייביקער גלויבן!
ווײ צו דער וועלט אויב די מלחמה גוג־מגוג,
זאל זיך, חלילה, אצינד אנהויבן.

## „אשרי אדם מפחד תמיד"

איבער א הון מיט א האן, אן עגלה־אַקס,
און איצט, חלילה, איבער א „קאטשקע" —
אן אונטערגעווארפענער טויטער אראבער,
און א גערודער, א גאנצע גראטשקע.

אויב טויזנט אויגן ס'האט דער מלאך־המות,
מוז דאס לעבן האבן א סך מערער — —
און נאסאר מיט זיין מויל־מלאכה — איין מכה
און „ובזמן קרב", „בעגלה".

## הויך - פאליטיק, אז ס'שווינדלט אזש פאר די אויגן

1

ניין, נישט קיין שאכמאט ווערט אצינד געשפילט —
א האזארד מיט כיטרישן שכל!
אילת און וויעטנאם — פאלג מיך א גאנג,
פאר הארמאט־פלייש בײדע א מאכל. (מייכל)

אז ווער ס'זאל יעצט נישט אויסשפילן די קארט,
צי הארץ־רויט, אדער גאר טויז־אייכל,
ס'וועט האבן פארשפילט די ליכטיקע וועלט,
קעניג שעל זיך קלאפן אויף בייכל.

דער פינסטערער שטן ווייזן די ציין,
אויף זיי שפילן גנביש א שמייכל;
טאנצן אויף זיין קרומען פערדישן פיס,
און קנייטשן ר'וועט זיין קעציש מייחל.

2

„המשחק בעקיוויע פסול לעדות",
מיר זענען נישט זיין קיין געניטע שפילער;
אפשר סטראשען, אונטער־גרין אונטערוווארפן,
אבער נישט זיין א מערדער, א קילער.

„על חרבך תחיה", ידים ידי עשיו" — —
בני אברהם יצחק ויעקב מיר זיינען!
און אז א בייזע זינד מען באגייט במזיד,
„סקול יסקל", פארשטיינען מ'מוז פארשטיינען.



3

דער גאז־קאמער קאנצלער, קיזינגער,
האט די גאז־מאסקעס געטון שיקן:
„יאוואל, דאס איזראעל געזינדל,
ווי די קריגס־העלדן מ'מוז אויסשמיקן;
אין קאמער זיי נישט ארייַנקריגן,
וועט מען זיי מיט גאז־מאסק דערשטיקן".

* * *

א מכשף וואס קרייזט ארום זיך,
מורמלט בלחש, שעפטשעט, באשווערט,
שעה'ן אזוי קרייז־ארויס, ארייַן,
ביז פארחלשט ר'פאלט אויף דער ערד —

פארשוימט די פארביסענע ליפן,
די אפענע אויגן פארגלייזט!
אזוי איצט מיטן יידישןווארט,
נישט שווייגן, ביז ווערן דערלייזט.

ביזגעלע שלום עס וועט הערשן,
צווישן פאלק און פאלק, מענטש און מענטש!
איז דען נישט דאס ווארט, וואס האט אין זיך,
קללה חלילה און געבענטש?

ווי דער אטאם די ערד קאן שפאלטן,
מיטן אטעם איינהאלטן מ'קען,
דעם ווילדסטן גרימצארן אין דער וועלט;
ס'איז דאס ווארט — געהייליקטער שם.

## ל"ג בעומר 1967

נישט מיט האלצענע ל"ג־בעומר־שווערדלעך,
מיר שטייען יעצט ווי הוזארן שטאלץ;
אבער וואס איז דען בידנע כלי־זיין,
קייגן איין אטאם־באמבע? פימסנהאלץ!

אונטער נאסער שטייען די סאוויעטן —
ווי משוגע די סלינע פאר זיין פיסק יאגט!
אז אך און ווײ וואלט געווען צו זיי,
ווען דאס דער גאלער עמעס, וואס ער זאגט.

אמעריקע, ענגלאנד שטייט הינטער אונז —
אז אך און ווײ וואלט געווען צו אונז שוין:

צואן־קדשים אין אשוויץ, און אצינד —
יעדער פארשוין און א ל״ג־בעומר קרוין.

רבי עקיבא׳ס חשבון פון די מכות,
איביק מיר אביסל קשה געווען — —
בלויז זע: דער זעלבער מצרי שלאגנדיק
זיין חבר, וועלכן משה נאך געזען.

(דער אויפמארש פון היידפארק צום ישראל־אמבאסאדאר)

2

נישט א היילס־ארמיי ארום א שטענדער,
אפגעמורמלט, אהיימצוגיין צופרידן,
א מחנה אנשים, נשים וטף,
טויזנטער, טויזנטער — צען טויזנט יידן!

ווי די טויערן פון ארן־קודש,
איינצורייסן די אמבאסאדאר־טירן:
אויב חלילה א מלחמה ס׳מוז זיין,
גרייט מיר זיינען צום סיני צו מארשירן.

א תפילה אין מיר האט שטיל געציטערט,
אבער מיין טראט אינם מארש מיטגעגאנגען;
„לא־תר־צח, לא־תר־צח" ריטעמט מיין שריט,
„אחרית־הימים"־„אקדמות"־געזאנגען:

ס׳רירט אונז אן, זיינען מיר אויפגעשטאנען,
„פון קאסעס פון שערפן שווערדן צו קאווען" — —
ווען שוין מקויים יענע נבואה,
ווען שעפעלע מיט וואלף צוזאם זיך כאווען.

3

דבקותדיק אפגעזונגען, אפגעטאנצט און אפגעוויינט
די הילולא דרבי שמעון בר יחי איז דאך היינט.

זיצן דריי ישישים ביים תיקון־רחל ארום א ליכט,
און ביי איינעם שיינט ליכטיק אויף דאס פנים אומגעריכט:

ווען א הונט בילט סימן מובהק, מ׳האלט אים אויף א קייט —
ר׳איז פון יענע כלבי דחסופין פון סטרא־אחרא׳ס זייט!

און פארוואס שערט מען דען די קינדער די לאקן היינט אפ,
מיט דעם דלילה־כוח פאלט אפילו א שמשון אראפ.

„חסד שבגבורה"! „דאמא" מוז אצינד גובר זיין —
— — — — — — — — — — — — — — — —
און די נאכט הילט צוריק איין, דאס תיקון־רחל געוויין.





## דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא

„שטילער, שטילער, לאמיר שווייגן... קברים וואקסן דא.
ס׳האבן זיי פארפלאנצט די שונאים, גרינען זיי צו בלא".

דאס איז א פערז פון א ליד פון דעם יונגען ווילנער דיכטער־געטא־קעמפער און פארטיזאן — שמערקע קאטשער גינסקי. און ס׳וואלט אפשר געווען דער ווירדיקסטער אויפן צו ערן דעם אנדענק פון די 6 מיליאן אונזערע גבורים, קדושים און טהורים — בלוט פון אונזער בלוט, פלייש פון אונזער פלייש־יידן — ביי בייגן, אין שטילשווייגן, אונזערע קעפ צו די אנגעצונדענע 6 ליכט, וועלכע סימבאליזירן פאר אונז זייערע נשמות. אבער ווי אזוי שווייגן — אז עס שווייגט זיך נישט?! קען מען דען דעם הארץ דיקטירן נישט צו וויינען? קען מען דעם הארץ דיקטירן נישט צו פילן דעם ווייטיק פון האבן פארלוירן די אלע וועלכע זיינען אים געווען אנגעוואקסן? נישט פילן דעם ווייטיק פון ווערן געבליבן עלנד און פארוויסט — ווי פון א שטיין ארויס?

עס וואלט געווען בעסער צו שווייגן. ווייל ווער קען שילדערן, ווער קען באנעמען די גבורה און קדושה צו וועלכער עס האבן זיך דערהויבן די אלע וועמענס אנדענק מיר פייערן דא?

און דאך, קען מען נישט שווייגן — ווייל עס גייט אן א קאמפאניע פון פארשווייגן! מיט עטלעכע וואכן צוריק האט דער פרעמיער מיניסטער פון איצטיקן פוילן אנטהילט א דענקמאל אין אוישוויץ. און זיין רעדע, וואס האט געדויערט א גאנצע שעה, האט ער נישט דערמאנט אפיל דאס ווארט „יידן". און אין אוישוויץ זיינען אומגעבראכט געווארן 2 מיליאן יידן. אבער דאס ערגסטע איז די קאמפאניע צו באשמוצן דעם אנדענק פון אונזערע 6 מיליאן קדושים וואס ווערט געפירט פון יידן אליין. האננא ארענד — א פראפעסאר — וועלכע איז נישט געווען אין געטא אדער קאנצענטראציע לאגער, האט אויף א „פראפעסארישן" אויפן אויסגענוצט דעם פאקט וואס עס האבן זיך געפונען יידן (מיינסטנטייל אונטערוועלט מענטשן), וועלכע זיינען אין די געטאס און קאנצענטראציע לאגערן געווארן פאליציאנטן און קאפאס און געהאלפן דער געסטאפא אין דער אויסראטונג פון די יידן און זיך דערביי אויסגעצייכנט מיט דערזעלבער ברוטאלקייט ווי די דייטשן, צו דערוויזן אז דאס האבן גאר די יידן אליין אויסגעראט די 6 מיליאן. די דייטשן, הייסט עס, זיינען נישט פאראנטווארטלעך דערפאר. און לעצטנס האט א יונגער יידישער שרייבער, מיטן נאמען שטיינער, ארויסגעגעבן, אין דער פראנצויזישער שפראך, א בוך וואס טראגט דעם נאמען טרעבלינקע. איז דאס בוך איין גרויסער פאשקוויל קעגן די יידן אין די געטאס און קאנצענטראציע לאגערן. דער מחבר פון דעמדאזיקן בוך איז אלט געווען קוים 2 יאר ווען די דייטשן האבן דעפארטירט זיין טאטן, וועלכער איז אומגעקומען. און אין דעם בוך ווייסט ער צו דערציילן, אז די יידן האבן זיך געלאזט אומברענגען ווי שעפעלעך און אז

עס איז אים א חרפה צו שטאמען פון יידן. טרעבלינקע! טרעבלינקע איז געווען איינער פון די ערגסטע קאנצענטראציע לאגערן. און גראד און דעמדאזיקן לאגער האבן די יידן אדורכגעפירט א דערפאלגרייכן אויפשטאנד אין רעזולטאט פון וועלכן עס זיינען ארויס פון דארט 400 יידן לעבעדיקערהייט. אבער וואס איז געווען זייער סוף? מען האט כמעט אלע צוריקעכאפט־ווייל עס האט זיי קיינער קיין מקום מקלט נישט געגעבן. קיינער האט זיי נישט געוואלט העלפן זיך אויסצובאהאלטן. און דא קומט מען צום טרויעריקסטן בלעטל פון דעם אומגליק. נישט בלויז די גלייכגילטיקייט פון זייערע נישט יידישע שכנים, נאר די שנאה מיט וועלכער זיי האבן זיך צו די יידן באצויגן.

די אזוי יונג פארשטארבענע שרייבערין אננא לאנגפוס, וועלכע האט געווינט, אויף פאלשע פאפירן, אויסער דעם געטא אין ווארשע, דערציילט א פאקט, וועלכער האט זיך אפגעשפילט פאר אירע אויגן. און איינעם א טאג האט זי געזען אויף דער פוילישער זייט פון דער געטא מויער א ייד, וועלכער איז נאר וואס ארויס פונעם געטא דורך א לאך אונטער דער מויער — ארומגערינגלט פון א מחנה שקאצימלעך, וועלכע האבן געפאדערט פון אים געלט. קיין וויינען און טחנונים פון דעם ייד האבן נישט געהאלפן. איז ער צוריק ארייננגעשפרונגען אינעם לאך, האבן זיי אים אנגעכאפט ביי די פיס און אים צוריק ארויסגעצויגן. און אז זיי האבן שוין ביי אים צוגענומען יעדן גראשן האבן זיי ערשט דאן אים אנגעכאפט און אוועקגעפירט צו דער געשטאפא. ווייל די געסטאפא האט אויך באצאלט געלט פאר א געכאפטן ייד.

און דאס געווער פאר די אויפשטענדלער; פון האט מען עס גענומען? מען האט דאך עס נאר געקענט איינקויפן (אויב מען האט עס נאר געקריגן) אויפן שווארצן מארק. און צאלן דערפאר האט מען דאך געמוזט פאנטאסטישע פרייזן. און פון וואנעט איז דאס געלט געקומען אויב נישט פון מויל אוועק. און וואס פארא געווער קען מען זיך אויף אזא אפן פארשאפן. א פאר רעוואלווערן מיט א ביסל אויפרייס מאטעריאלן? און וואס פארא פארגלייך איז אזא באוואפענונג קעגן דער אזוי מעכטיקער דייטשער ארמיי? און ביי אלעם דעם זיינען פארגעקומען אויפשטאנדן און עטלעכע דרייסיק געט אס און קאנצענטראציע לאגערן. און ווער נאך אחוץ די יידן האט אדורכגעפירט אפענע אויפשטאנדן קעגן די דייטשן? יא, די פאלאקן האבן געמאכט אן אויפשטאנד. אבער וואס פארא פארגלייך קען געמאכט ווערן צווישן זיי און די יידן? זיי זיינען אין קיין געטאס נישט געווען אפגעשלאסן. זיי זיינען אזוי אויסגעהונגערט און אויסגעמאטערט ווי די יידן נישט געווען. זיי האבן געהאט געלט לרוב און געווער און שפייז. פאר זיי האט געזארגט די פוילישע רעגירונג אין לאנדאן. און ועל כולם — ערשט ווען דו רוסן זיינען צוגעקומען צו די ברעגעס פון דער ווייסל און מען האט זיך גערעכט צו קריגן הילף פון זיי, האבן זיי זיך דעצידירט אנצוהויבן דעם אויפשטאנד. וואס פון דעם איז געווארן — איז א באזונדער קאפיטל. אויף דעם בוך „טרעבלינקע" וואלט זיך אפשר נישט געלוינט אפצושטעלן. איז אבער די מעשה וואס א טייל פון די יאהודים אין פראנקרייך



צאצקען זיך דערמיט און מיט זיין מחבר און האבן און דער פראנצויזישער טעלעוויזיע זיך שטארק פאסמאקעוועט דערמיט. און איינער א רב האלט אפילו אז דאס בוך איז א שעדעווער.

ס'איז דער פראטעסט געגן אט דעם חלול פון אונזערע קדושים, וועלכער לאזט נישט שווייגן. און ווען מען דערמאנט זיי מוז מען אויך דערמאנען דעם קדוש ארטור זיגלבוים, וועלכער, איז איינער פון זיי און וועלכער איז געווען דער ערשטער צו רופן אמיטינג פון די ווארשעווער יידן ביים בנין פון דער ווארשעווער קהלה, אויף וועלכן ער האט גערופן נישט צו לאזן זיך פארשפארן אין א געטא־באלד און אנפאנג ווען די דייטשן זיינען ארייַן קיין ווארשע.

מען טאר אויך נישט שווייגן — ווייל ווי נישט ווילאיק די וועלט זאל זיין דערמאנט צווערן, מוז מען ארויסברענגען פאר אלעמען דידאזיקע גרוייזאמקייטן. נישט כדי וועמען צו זידלען, נישט כדי צו פארפלאנצן שנאה אין די הערצער, נאר כדי אויפצוקלערן אלע מענטשן דעם אומזין פון שנאה. און ברענגען אזויערנאך א פארשטענדעניש פאר טאלעראנץ און א ווילן צו לעבן בשלום איין פאלק מיטן צווייטן. ווייל נאר אין א וועלט פון שלום און טאלעראנץ קענען מיר יידן האפן צו קענען לעבן ווי יידן.

י. ריכטיגער

## עם לבדד ישכן

### די ניט דערמאנטע

„הן עם לבדד ישכן ובגוים לא יתחשב". די ווערטער פון בלעם'ס קללה־ברכה זענען ווידער געקומען אויפן זינען אין צוזאמענהאנג מיט דעם מאנומענט, וואס די פוילישע רעגירונג האט אויפגעשטעלט אין אוישוויץ־אשוועטשיק, צום אנדענקן פון די פיר מיליאן דארט אומגעבראכטע אין די היטלערישע גאז קאמערן און קאלך אויווענס. די נעמען פון אלע שבעים אומות זענען דערמאנט אויף דעם מאנומענט אויסער דער נאמען פון יידישן פאלק, כאטש דרייפירטל פון די אומגעבראכטע זענען געווען יידן. די איראניע איז — אז די פעלקער, וואס זייערע מענטשן האבן געהאלפן אין דער פארטיליקונג פון די יידן, ווערן דערמאנט זייערע געהרגטע פון די נאציס, אויסער דאס יידישע פאלק, וואס האט ניט געהאלפן די נאציס פארניכטן אנדערע פעלקער, ווערט ניט דערמאנט.

די זעלבע טענה האט געהאט דער רוסישער פאעט יעווטשענקא צו דער רעגירונג פון רוסישן פאלק. ער האט איר דערמאנט אז אין באבי־יאר ליגן טויזנטער יידן — מענער און פרויען, אלט און יונג, וואס זענען אומגעבראכט געווארן פון די נאציס מיט דער הילף פון די אוקריינער און מען שטעלט ניט אויף דארט קיין מאנומענט, ווייל מען וויל אז די מעשה זאל פארגעסן ווערן, די סאויעטן פון אוקריינע און רוסלאנד האבן זיך געלייגט אין דער לענג און ברייט, ביז זיי האבן געפועלט ביי דעם פאעט ער זאל פארענדערן די

גירסא פון זיין פאעמע, אנשטאט „טויזנטער יידן" האט ער געשריבן „טויזנטער מענטשן" אזוי איז פארזארגט געווארן, אז אויב מען וועט אמאל אויפשטעלן א מאנומענט אין באבי־יאר וועלן די קומענדיקע דורות ניט וויסן אז די אומגעברעכטע זענען געווען יידן, „הן עם לבדד ישכן ובגוים לא יתחשב"...

פארשטייט זיך מען וועט פרעגן — וואס עס גייט אונז אזוי דערינגען אז אנדערע זאלן העלפן באוויינען אונזערע קדושים? זייער גערענקן פון דעם פארברעכן וועט נאך ניט דערוועקן ביי זיי קיין געוויסנסביסן און זייער דערמאנען זיך זייער באטייליקונג וועט זיי נאך ניט ברענגען צו קיין תשובה. אבער מיר מוזן פראטעסטירן און באוווסטזיניק מאכן די אנדערע פעלקער, אז זיי זוכן צו מאכן פאליטישן קאפיטאל פון אומגליק. אויב די פרעטענציע איז אמת אז די אומגעבראכטע אין אוישוויץ אדער באבי־יאר זענען ניט געווען קיין יידן, איז דער געטא אויפשטאנד אין ווארשע און אין אנדערע פוילישע און רוסישע שטעדט אויך ניט געווען קיין יידישער. נאך א העלדישער ווידערשטאנד פון די מכלומרשטע סאציליסטישע פעלקער אין מזרח קעגן די קאפיטאליסטישע אין מערב, אדער א טייל פון קאמף צווישן קאמוניזם און פאשיזם. „הן עם לבדד ישכן": צו אונטערדריקן, צו באריבן און אויסצומארדן זענען מיר א פאלק, „ובגוים לא יתחשב" אבער צו אנערקענען אונזער רעכט און זעלבסטשטענדיקייט ניט...

מערקווערדיק איז — וואס די מאדערנע קאמוניסטישע דענקער האבן אפגעווארפן סטאלינס טעאריעס, אויסער זיין טעאריע וועגן יידישן פאלק. ניט נאר איז די טעאריע פון היינטיקע קאמוניסטישע פירער ניט פארענדערט געווארן פון דעם וואס סטאלין האט איר פארמולירט אין 1905, נאר זי איז פון א פאליטישע געווארן אן אנטיסעמיטעשע. אין זיין בוך „מארקסיזם און די נאציאנאלע און קאלאניאלע פראגע" ארויסגעגעבן פון מארקס־ענגעלס־לענין אינסטיטוט 1942 לאנדאן, שרייבט סטאלין, אין אן אבהאנדלונג — „דער בונד און זיין נאציאנאליזם און זיין סעפעראטיזם" דאס ווייטער ציטירטע, — מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן אז באוער, (עסטרייכעשער סאציאליסטישער דענקער) כאטש ער איז גרייט צו געבן נאציאנאלע אויטאנאמיע צו די טשעכן, פאליאקן און אזוי ווייטער, איז ער קעגן געבן נאציאנאלע אויטאנאמיע צו די יידן.

אין אן ענטפער אויף דער פראגע — צי זאל די ארבעטער קלאס פרעגן אויטאנאמיע פאר די יידישע ארבעטער האט באוער געענטפערט — ניין! און סטאלין גיט צו פארשטיין פארוואס ניט, ער זאגט — ווייל מיט דעם איינפירן פון סאציאליזם וועט דאס יידישע פאלק אומעטום זיך קאנען אסימילירן און ניט דארפן האבן נאציאנאלע אויטאנאמיע. סטאלין באמערקט נאך אז דער שטאנדפוקט פון יידישן גורל איז ניט ניי, קארל מארקס האט שוין אין אנפאנג פון די פירציקער יארן אין פאריקן יארהונדערט אויסגעדריקט דיזעלבע מיינונג. אין אן ארטיקל „צור יודענפראגע" וועגן די דייטשע יידן. קאוטסקי האט עס איבערגעחזרט אין 1903 וועגן די רוסישע יידן און באוער איצט וועגן די עסטרייכעשע. יידן, באוער האט נאך בייגעגעבן א דערקלערונג, אז ביז איצט האבן די קאפיטאליסטן נויטיק געהאט אויפצו־האלטן די יידן אלץ א באזונדער פאלק, כדי צו האבן א שעיר לעזאזל פאר זייערע עקאנאמישע דורכפאלן, וואס די סאציאליסטישע מדינות וועלן ניט דארפן, ווייזל זייער עקאנאמיע וועט שטענדיק זיין געזונט וועלן יידן זיך קאנען אסימילירן.



דער בונד אבער — שרייבט סטאלין ווייטער — וואס האט זיך געגרינדעט אין 1897, בעת עס איז נאך ניט געווען אין גאנץ רוסלאנד קיין איינציקע סאציאליסטישע פארטיי, האט זיך דערווייל אנטוויקעלט און צעוואקסן ביז אין אנפאנג פון איצטיקן יאר הונדערט, ווען די פוילישע און רוסישע סאציאל דעמאקראטישע פארטייען האבן זיך געגרינדעט. דער בונד האט דעמאלט געהאט א נאטירלעכן אויסוועג — זיך אויפצולעזן ווייל די יידן האבן ניט גיין טעריטאריע. דער בונד האט אבער אויסגעקליבן אן אומנאטירלעכן וועג, ער איז געבליבן א באזונדערע פארטיי און האט פארלאנגט פארן יידישן פאלק באזונדערע רעכטן. די ארבעטער באוועגונג זאל גאראנטירן פאר די יידן אין אלע לענדער נאציאנאלע און קולטורעלע אויטאנאמיע, וואס די ארבעטער באוועגונג וועט קיינמאל ניט קאנען טוען, ווייל דאס ידנטום האט ניט קיין אייגענע טעריטאריע.

דעם בונדס שטעלונג איז דעריבער א שאוואניסטישע. נאך מער אויף איינע פון זיינע לעצטע קאנפערענצן האט דער בונד אנגענומען, אז די ארבעטער פארטייען מוזן גאראנטירן פאר די יידן אין זייערע לענדער שבת־רו אין יידישן לשון, פארשטייט זיך, סאציאל דעמאקרטן שטרעבן צו פארזיכרן די רעכט פון יעדן פאלק צו באנוצן זיין לעבנס שטייגער און שפראך, אבער דער בונד איז ניט צופרידן דערמיט, ער פארלאנגט — אז מען זאל ספעציעל קעמפן פאר די אנערקענונג פון שבת־רו און יידיש. אין די וואלען צו דער פירטער דומע האבן די בונדיסטן נארגעשטימט פאר אזעלכע דעפוטאטן, וואס האבן צוגעזאגט צו קעמפן פאר יידישע נאציאנאל קולטורעלע אויטאנאמיע. (ז. 35־6 4)

סטאלין, וואס זיין קעגנערשאפט איז געווען א פאליטישע, האט טאקי געטראכט צו געבן די יידן פון רוסלאנד א טעריטאריע, ווען ער איז געקומען צו דער מאכט, כדי זיי זאלן זיך קאנען אויסלעבן אין זייער שטייגער און שפראך. נאך מער ווען די זעלבסט־שטענדיקייט פון מדינת ישראל איז געווארן אויסגערופן, האט ער איר אנערקענט, אפגעשלאסן דיפלאמאטישע פארבינדונג מיט איר און ניט געזוכט צו פראפיטירן פון דער אראבישער שנאה צו איר. ערשט נאכדעם ווי קרושטשעוו איז געקומען צו דער מאכט איז די שטעלונג פון דער רוסישער רעגירונג צו די יידן אין רוסלאנד און צו מדינת ישראל פארענדערט געווארן צום שלעכטן. אזוי ווי אין סאוויעט רוסלאנד איז ניט פאראן אן עפנטלעכע מיינונג זיך צו רעכענען מיט איר, האט קרושטשעוו זיך דערלויבט צו טוען ווי זיין אנטיסעמיטישער געוויסן האט אים דיקטירט. ער האט גענומען באוואפנען די אראבישע מלוכות קעגן מדינת ישראל און פארשלעכטערט די לאגע פון די יידן אין סאוויעט רוסלאנד.

פאראן אפילו צווישן אונז אזעלכע וואס פראפאגאנדירן, אז די נאך סטאלינדיקע פאליטיק פון רוסלאנד לגבי יידן איז ניט אן אנטיסעמיטישע. רוסלאנד — פרעטענדירן זיישטיצט אונטער די אראבישע מלוכות, כדי זיי צו באפרייען פון אמעריקאנישע און ענגלישע עקספלאטאציע. אדער זי חנפט די אראבער, כדי זיי זאלן איר אונטערשטיצן אין איר קאמף קעגן קאפיטאליזם, ניט ווייל זי האט פיינט יידן אדער מדינת ישראל. די פראגע איז אבער — אויב דאס איז אמת, פארוואס באהאנדעלט זי איצט אירע יידן ערגער ווי אין דער צייט פון סטאלין? און אפילו ערגער ווי די אראבישע פעלקער באהאנדלען זייערע יידישע איינוווינער?

אחוץ דעם, אויב קאמוניסטישע לענדער באנוצן דאס יידישע פאלק אלץ א שעיר לעזאזל וועגן פאליטישע מאטיוועז, מיט וואס זענען זיי בעסער פון די קאפיטאליסטישע לענדער וואס, לויט באוער, האבן זיי באנוצט דאס יידישע פאלק אלץ א שעיר לעזאזל וועגן עקאנאמישע מאטיוועז? רוסלאנד איז, אויסער די אראבישע לענדער, דאס איינציקע לאנד אין דער וועלט וואס האט איינגעפירט א הונדערט פראצענטיקן באיקאט קעגן ארץ ישראל פראדוקטן און די פראפאגאנדע אין איר פרעסע קעגן יידישן פאלק בכלל און בפרט קעגן מדינת ישראל איז ניט בעסער ווי אמאל אין היטלערלאנד. דער אמת איז, אז קרושטשעוו האט אריינגעבראכט אין דער סאוויעטישער פאליטיק א לייטמאטיוו פון דער אלטער אוקריינישער שנאה צום יידישן פאלק, עס איז אן אינסטינקטיווע שנאה, ניט א זיניקע, דערפאר האבן זיי פיינד צו דערמאנען אפילו טויטע יידן צום גוטן, אפילו ניט די געפאלענע אין קאמף קעגן היטלעריזם.

די שנאה לגבי די אייגענע יידן און מדינת ישראל איז ניט שוואכער געווארן, נאך דעם אומשטורץ פון קרושטשעוו׳ן, זי איז שטארקער געווארן. פארשטייט זיך, אין יעדן לאנד געפינט מען אנטיסעמיטיזם, אבער אומעטום איז עס א המונישער, אויסער אין רוסלאנד, אזוי ווי דער אנטיסעמיטיזם אין צארישן רוסלאנד איז געווען א רעגירונגס סיסטעם, אזוי איז דער איצטיקער אנטיסעמיטיזם אין סאוויעט רוסלאנד א רעגירונגס־קורס. דאס איינציקע וואס מיר יידן אין דער וועלט קאנען טוען איז — פראטעסטירן, כדי די וועלט זאל משפטן צווישן אונז און זיי. ספעציעל איצט, ווען זיי ווילן אויסמעקן דעם געדעכטעניש פון אונזערע גבורה קעמפער, ליגט אויף אונז א חוב אין זכרון טאג פון ווארשעווער געטא אויפשטאנד צו פראטעסטירן קעגן דעם ווילדן קאמוניסטישן סיסטעם פון פארפעלשן אונזער געשיכטע, אויב ניט, וועלן זיי פארוואנדלען דעם נייצענטן אפריל אין א נייעם „פאסחא״. — דאס יידישע אויסגעהרגטע פאלק וועט אין די קומענדיקע דורות פארגעשטעלט ווערן אלץ מערדער פון די רוצחים...

---

צו דער חתונה פון **שלמה קלמן** און **האדל רובין** ווינטשן מיר דעם יינגען פאר, אוון נחמן רובינען, דעם סעקרעטאר פון לשון און לעבן און זיין פרוי ענין, די עלטערן פון חתן, — א סך יארן פון נחת און פרייד. לשון און לעבן

---



## יוסף לעפטוויטש

### מיין געבוירנשטאט

דער ווינד פונם טייך איזל
בלאזט דורך מיינע האר.
איך גיי אין דער שטאט פון מיין געבוירן,
וו איך בין געקומען נאך פיל יאר.

דא בין איך געלעגן אין מיין וויגל,
דא בין איך געווען א וויקל־קינד.
און דעמאלט האט פון דעם טייך איזל
געבלאזן ווי היינט א ווינד.

אין דעם שטעטל האט מען מיך געמל׳ט,
דא האט מען מיך געמאכט א ייד.
דא האט מיין מאמע מיך געזויגן,
און מיר געזוינגען א שלאף־ליד.

אלע יאר פון מיין לעבן
האב איך נאך דעם שטעטל זוטפן געבענקט.
איצט גיי איך ביים ברעג פון איזל,
און דער איזל האט מיך דערקענט.

## ש. י. דארפזאן

### ביכער אויף מיין טיש

„אין יארן ארום     פון מ. י. שעליוסקי

מיט עטלעכע יאר צוריק, איז אינעם פארלאג י. ל. פרץ אין ישראל, דערשינען א בוך, נאוועלן און דערציילונגען, א.נ. „אין יארן ארום״, פון דעם יידישן שרייבער, מ. י. שעליובסקי, א שטענדיקער תושב אין ניו־יארק, וואס וויל־גראד און דווקא־אנגערופן ווערן מיט דעם יידיש־קודשדיקן פארנאמען „משה יודל״, ווי א צולאג צו זיין סלאוויש־קלינגענדיקן פאמיליע־נאמען „שעליובסקי״.

אט דער ר׳ משה יודל שעליובסקי, וואס קהלט זיך ניט אויף דעם ניו יארקער יידיש־ליטערארישן יאריד, האט פארעפנטלעכט 6 גרעסערע נאוועלן און דערציילונגען, וואס פארנעמען איבער 300 זייטן און דעם שיין ארויסגעגעבענעם ספר, מיט וועלכע עס מעגן שטאלצירן די ישראלדיקע פארלאגן, און דער י. ל. פרץ פארלאג אין תל אביב, בתוכם, וואס באשיינט מיט זיינע פיינע אויסגאבעס דעם יידישן ביכער־מארק אין ישראל און די תפוצות.

דאס בוך איז פארטיילט אין 3 חלקים: פון „אמעריקאנער יידישן לעבן״, „דער מענטש און זיינע געשטאלטן״, „פון נעכטן און מארגן״. די ערשטע דערציילונג (פון אמעריקאנער יידישן לעבן) הייסט „מיט מזל״, וואס שילדערט

א יידישן פאבריקאנט פון רעגנמאנטלען־הערי בערמאן איז זיין נאמען — א שטיקל „אלרייטניק", מיט חסד, וואס פירט פארצווייגטע געשעפטן, מיט הייזער און סוחרים, אבער די השגות זענען פארבליבן די זעלביקע, ווי אין דעם שטעטל פון זיין אפשטאם.

ס׳איז די גרעסטע און — לפי דעתי — בעסטע דערציילונג פון דעם בוך, וואס שילדערט דאס שטייגער לעבן פון די אמאליקע יידישע אימיגראנטן, וואס האבן — אזוי צו זאגן — זיך „ארויפגעארבעט"־עקאנאמיש. אבער גייסטיק זענען זיי געבליבן שטעקן מיט א פוס אין די היימישע, שטעטלדיקע בלאטעס.

מ. י. שעלובסקי איז א גוטער, ס׳ווילט זיך זאגן — געניטער אבסערוואטאר און דערציילער. ער איילט זיך ניט איבערצוגעבן די וויכטיקסטע פרטים פון די געשילדערטע סיטואציעס. דערצו האט ער א געבענטשט יידיש לשון, פריי פון די זלידנע אמעריקאניזירטע אויסדרוקן, וואס א גרויסער טייל יידישע שרייבער פלעגן באנוצן אין זייערע דערציילונגען פון אמעריקאנער יידישן לעבן.

פון דער דאזיקער זייער געלונגענער דערציילונג, וואס פארמאגט א גרעסערע צאל אינטערעסאנטע טיפן — בערעלע, למשל — טליעט אין זייערע הערצער די פארבארגענע נאסטאלגיע צום שטעטל, הגם קיינער פון זיי וועט ניט צוגעבן, אז ער בענקט, חלילה, נאך דעם „אמאל". אין אמעריקע בענקט מען ניט נאך דער פארגאנגענהייט. מען לעבט אין דעם אייביקן געווירבל פון הו־האעדיקן שמעלצטאפ.

„מיט מזל" איז א שטילע, ממש צניעותדיקע דערציילונג, אן דראמאטישע סיטואציעס. דערפאר אבער איז די שילדערונג א פסיכאלאגיש דורכגעטראכטע, ביז צום קליינסטן דעטייל, און דאס איז דער סאמע תוך פון א גוטער דערציילונג.

די אנדערע צוויי טיילן פון דעם בוך, „דער מענטש און זיינע געשטאלטן", און „פון נעכטן און מארגן", זענען דערציילונגען און נאוועלן פון דעם עבר, פונעם יידישן שטעטל, אין דער „אלטער היים". מ. י. שעליובסקי איז ווי פארפליישט מיטן עבר פון אונדזער „אמאל". ער האט באמת גלענצענדיקע שילדערונגען פון מענטשן און זייערע טואונגען (די וועלט זוכט א קוימען) למשל. די דלות׳דיקע הילפסלאזיקייט פון עלטערן און זייערע קינדער, וואס יאגן זיך ארום נאך פרנסה און שידוכים פאר זייערע דערוואקסענע טעכטער. די דאזיקע טעמאטיק איז ניט קיין נייע אין דער יידישער ליטעראטור. אבער דער מחבר פון דעם בוך שילדערט דאס דאזיקע לעבן מיט טויזנטער טעמ׳ען און הנ׳ען. דעם אמת געזאגט, האב איך די דערציילונגען „די וועלט זוכט א קוימען" און „העכער פון דער ערד", געלייענט צוויי מאל, ווייל דער אראמאט פון די פריערדיקע דערציילונגען האט מיך אינספירירט צו דער דאזיקער „עבירה".

גראד אין אונדזער איצטיקער צייט, ווען עס גייען אוועק די עלטערע יידישע שרייבער, וואס האבן מיט זייערע ראמאנען און דערציילונגען באזינ־



גען דעם „שיר־השירים" פון אונדזער פארשווונדענעם לעבן, זענען וויכטיק אזעלכע דערציילונגען, וואס מ. י. שעליובסקי האט אונדז מהנה געווען אין זיין ספר, „אין יארן ארום", צוטראגנדיק א ציגל צום מאנומענט פון אונדזער אלעמענס פארגאנגענהייט.

### „אין קיניגרייך פון יידישןווארט" פון אברהם זאק.

דער פרוכטבארער, „אייביק יונגער" שרייבער אברהם זאק, וואס האט ביז־איצט ארויסגעגעבן ארום 30 ביכער, לידער נאוועלן, דערציילונגען זכרונות און אנדערע זשאנערן פון זיין געבענטשטער פען, האט אונדז בארייכערט מיט א נייעם בוך, „אין קיניגרייך פון יידישן ווארט", ארויסגעגעבן דורכן „ייווא" אינסטיטוט אין בוענאס איירעס. דאס דאזיקע ספר איז א מין כאראקטעריסטיק וועגן יידישע שרייבער, — דיכטער, פראזאאיקער, דראמאטורגן און זשורנאליסטן, מיט וועלכע אברהם זאק איז געווען באפריינדט־סיי ווי א מיטארבעטער פון פארשידענע יידישע צייטונגען, אדער ווי א קאלעגע פון דער „פען". עס האנדלט זיך אין דרייסיק מענטשן. אבער די צאל שעפט ניט אויס זאקס באקאנטשאפט און חברשאפט מיט אנדערע פען־קאלעגן, סיי אין ווארשע, פאריז און בוענאס איירעס, ווו א. זאק איז איצט א שטענדיקער תושב.

מוז מען מודה זיין, אז אברהם זאק האט אסך צו דערציילן וועגן זיינע באקאנטע יידישע פען־מענטשן, אנהייבנדיק ביי אברהם רייזען, ה. ד. נאמבערג, א. אלמי, ש. ניגער, י. ל. פרץ און בעיקר וועגן זיין יוגנט־פריינט, ל. ניידוס.

אברהם זאק איז זייער בצמצום, ממש קארג אין שורות... אבער דאס מינערט ניט דעם תוך פון זיינע שילדערונגען. מיט א זאץ האט ער — ווי א מאלער מיט זיין פענדזל — אפפאטאגראפירט זיין העלד.

הגם מיר זענען מער־ווייניקער באקאנט מיט די גרויסע מידות און מעלות טובות פון אברהם רייזען, למשל, דעם קאפריזנעם ה. ד. נאמבערג, דעם „אייביק איינזאמען" ז. סעגאלאוויטש און אנדערע, וואס פיגורירן אין זאקס בוך, לייענט מען מיט חשק פונדאסניי די געלונגענע כאראקטערשטריכן וועגן די יידישע שרייבער, וואס דער רוב פון זיי זענען שוין אוועק אין דער אייביקייט.

אברהם זאק האט אין זיין לעבן שוין מיטגעמאכט די פארשידנסטע גלגולים. ער האט אפילו געהאט דעם „זכות", צו דינען ווי א זעלנער אין דער צארישער ארמיי; אין די יארן פון דער היטלערישער וועלט־מלחמה האט ער „געפראוועט דאטשע" אין סטאליניסטישן רוסלאנד; שפעטער איז ער געווען נע־ונד אין דעם „באפרייטן פוילן", שפעטער פאריז, און איצט לעבט ער אין ארגענטינע. אבער א. זאק האט זיך ניט אקלימאטיזירט אין זיין נייער „היים". ער בענקט נאך זיין „ווארשע", נאך די „נאלעווקיעס 38", ווו ס׳איז געשטאנען דאס „קיניגרייך" פון דער צייטונג „דער מאמענט". אוי, ווי עס ביינקט זיך־צוזאמען מיט א. זאקן, — נאך יענע יארן און צייטן, יארן פון האפענונגען און חלומות, וואס האבן אזוי ביטער אנטוישט...

אברהם זאק נעמט אויך אריין אין זיין שרייבערישן „קיניגרייך" א צאל שרייבער, וואס ווירקן אין תל אביב, בוענאס איירעס, ניו יארק און פאריז. ער דערמאנט דעם קרעפטיקן פראזאיקער א. מ. פוקס, איציק מאנגער, מלך ראוויטש און אנדערע. סיי די נפטרים און סיי די לעבעדיקע כאראקטעריזירט זאק, ווי זיי זענען.

ס'איז ניט בלויז א וויכטיק און נוצלעך ספר, נייערט א ביז־גאר אינ־טערעסאנטער „לעקסיקאן" פון א צאל יידישע שרייבער — פון אלע שאפע־רישע זשאנערן מיט וועלכע דער הארציקער און גוטמוטיקער אברהם זאק איז אין משך פון זיין שעפערישן לעבן געקומען אין בארירונג.

## אונזער גאסט — משה גראס - צימערמאן פון ישראל

דער באקאנטער יידישער שרייבער, עסייאיסט און ליטעראטור־קריטיקער, משה גראס־צימערמאן, וועט זיין דער חשובער גאסט פון יידישן ליטעראטן און זשורנאליסטן פאריין אין לאנדאן.

משה גראס־צימערמאן איז זינט יארן דער פארזיצער פון יידישן ליטעראטן — פאריין אין ישראל, מיטארבעטער פון דער טעגלעכער צייטונג „לעצטע נייעס" און אנדערע יידישע און העברעאישע אויסגאבעס.

משה גראס־צימערמאן, וועמענס 75 יאריקער יובל איז געפייערט געווארן אין ישראל, וועט אונדז מהנה זיין מיט א רעפעראט, „יידיש אין מדינת ישר־אל", זונטיק, דעם 4־טן יוני, 1967, 3 דעם זייגער נאכמיטיק, אין דיען־סטריט, נומער 21. אונטער דעם פארזיץ פון יוסף פרענקל.

די חשובע קאלעגן און געסט וועלן האבן די געלעגנהייט זיך צו באקענען מיט דעם חשובן גאסט און אויסהערן א לעבעדיקן גרוס פון מדינת ישראל.

**א. נ. שטענצל**

## צוויי פרילינג לידער

### ל"ג - בעומר

אן ערדענע שיסל א פולע מיט זשארנעס,
פולע גארשטן יאדרע־קערנער אויסצוזייען — —
א וואונדער אז די פייגל, פרייד צעפלאשעטע,
זינגען און חתונה־צעטאנצטע זיך פרייען ?

מיט פלעדערווישן זיי פארשארן די כמארעס,
פיקן און פיקן און פון גרויס־פרייד זיי זינגען ;
דאס גין־גאלד פון א פרילינג־טאג אין באגינען —
קייקלדיקע רענדלעך צווישן צווייגן קלינגען.

נישט מיט שניי באשאטן ווי אין שבת־שירה —
אין ווייסע בליטן צעצוויט שטייען די ביימער !
א זון און א רעגן, א זון און א רעגן — —
דער הימל א פיילנבויגן אויף ל"ג־בעומר.



## שבועות

### (דעם אנדענק פון דער טשענסטאכאווער שול)

צעבליטע סעדער גאנצע, געדיכטע וועלדער,
די געביקטע ווערבעס אקארשט פון די טייכן ;
און ווי ס'פעכלען די תכלת בלויע גארדינען,
איבער פענסטער הייכן, הימלען צו דערגרייכן.

דער הימלישער וואגן אויף גומענע רעדער,
יאגט אינם גאלאפ ווו, ערגעץ ווייט ווו אויבן :
ווי ס'ציטערן יום־טובדיק, בורשטין־האניקדיק
די שטראלן־שטויבן דורך די קאלירטע שויבן.

אזא גין־גאלד געפונקל צווישן די בלעטער,
גאנצער ארום געהילט אין טלית פון שווייגן ;
א הארכן, אן איפבליקן, ווי מען וואלט געהערט,
גאט שפרייזן איבער די שארכנדיקע צווייגן.

## א נ ו כ י

וויפילמאל אין מדבר־זאמד געשריבן,
ביזגל אין שטיין פעלזיק איינגעקריצט,
און ווען צומאל עס צעברעקלט צוריק,
פון יעדן ברעקל עס שיינט און בליצט.

און אז די גאנצע ערד צעבראכן ווערט,
קיין איין שטויבעלע נישט בלייבן פון איר,
צו אנדערע וועלטן אויפפליען ס'וועט,
מיט א לעצטן קאסמאנאוטן־פליר.

דאס חי־ומדבר־ווארט אין הארץ געקריצט,
קיינמאל, קיינמאל קיין פארלענדט, קיין ענד —
פון גליאיקן זאמד הויך אויפגעשפראצט,
דער מדבר־דארן וואס ברענט און ברענט.

## דוד המלכס און בעל שם'ס - יארצייט

נישט יהודה הלוי'ס עדות זאגן :
פאר שישים־ריבוא גאט האט זיך באוויזן !
נישט ברוך שפינאזא ווי ער האט גאט,
מאטעמאטיש געניי אויף א האר באוויזן.

ס'איז געווען מיין מאמעס תהילים זאגן,
צו א לעבעדיקן צו גאט געטון ריידן,
און מיין הארץ אויף אייביק געמאכט גלויבן —
איר פשטות מער ווי די חכמה פון זייביידן.

„דער געאכפערטער פון די הימלען טוט לוגן“!
און ווען כ׳שרייב אצינד צו גאט מיינע לידער,
כ׳זע, דעם טאטן איבערן „כתר שם טוב“,
מאמעס טרערן אין איר קרבן מנחה סידור.

אלע מיינע טעג איצט סילע איך זיי,
די זיבן צעשאטענע שנירלעך פערל,
און טאטנס זיבן מאל זיבן ספירות,
כ׳רעכן, און צייל — אז ס׳זאל פעלן אהערל!

די יארצייט פונם „נעים זמירות ישראל“
און פון בעל־שם אין שבועות אויספאלן!
פארן לעצטן, איז די תפילה שוין אליין,
די ישועה־טויערן וואס זיך אויפפראלן.

## מזמור לאן - סוף

און אז מען ווערט שוין זיבעציק,
בלייבט מען נאך אלצדינגביים אלטן...
מ׳איז לגמרי גארנישט קליגער,
כאטש דער שטערן פול מיט פאלטן.

און אז הונדערט און צוואנציק יאר,
בעזרת־השם, שוין ווערן,
וואסזשע דעמלט מישטיינס־געזאגט?...
אז קוים נאך זען, קוים נאך הערן.

אריבער מ׳איז די זיבעציק,
און מ׳לעבט צווישן די מענטשן,
כאטש זיך לאזן אויפרופן,
אין דער שול און גומל־בענטשן.

א.

...יא, ס׳לעבן גייט ווי א מזמור,
און דער טויט איז דער סוף־פסוק;
איין קאפיטל וועלן פארשטיין,
ווערט אויפן הארץ אזוי דאסיק.

געטייטשט, געלערנט, געדרשנט,
טויזנטער דורות שוין האבן;
א ווארט, אן אות נישט פארשטאנען,
און אויס — געשטארבן, באגראבן.

ווען מיין מאמע „מודה אני“,
מיט מיר געזאגט, דעמלט, כלעבן — —
אז מ׳האלט שוין ביי „עלינו“,
ווילט זיך אויף אלץ א שפיי געבן.



ב.

יעדע רגע קאן זיין אייביק,
און די אומענדלעכקייט ליידיק;
האניק און גיפט אין מויל פון בין,
אין דער מענטש געטלעך און שדיק.

ווי גדלותדיק מען קאן נאך זיין —
מיטן ו„אני הקטן“ — —
ווען אין צעניט עס שטייט די זון,
פאלט אוועק יעדער שאטן.

האב איך גארנישט געזאגט — גארנישט!
מישטיינסגעזאגט וואס מ׳קאן זאגן,
אז וואס מ׳קאן שוין מחדש זיין
א חוץ נאריש זיך באקלאגן.

ג.

פון אונטער דער ערד די ווערעם,
שלענגלען זיך דער זון אקייגן,
ווי דער צוויט, צארט־צעקנאספעטער,
פון די הארטע שווארצע צווייגן.

שלענגלט ביז ער ווערט צעטרעטן,
אדער פון א פויגל פארשלונגען;
מיט פרייד אויפצופליען מיט אים,
פרילינגדיק־יונג זיך צעזינגען.

און זע, פון זעלבן צוויטל בלויז,
סמים געמאכט ווערט און זאלבן,
און נעסטלעך פון די פעדערן,
פון די געשטארבענע שוואלבן.

ד.

צי מיר ווילן צי ווילן נישט,
אזוי וועט זיך ווייטער ציען:
וועלקן, וויאנען און ווידער —
וואקסן און צווייגן און בליען;

וויאסנע־ווינטן, פרילינג־רעגן,
תאוה־פרייד און טרויער־טרערן;
די רינגלדיקע קייט — די צייט,
מיט יינג זיין און אלט ווערן.

אבער ווי שיין מינדסט בלימל איז,
שענער געפלאכטענע קראנצן!
ערשט ווען אלע פעלקער פריידיק,
אין איין קארהאד אויפטאנצן.

ה.

א שפרונג, א בוק, א דריי א שפיי,
א קוש און פארמאכט דעם סידור ;
און אן „אפגעדאוונטער" שויך,
אויף דריי שטרוי מ׳לייגט זיך אנידער.

אשרי, ווייל דעם א „קדיש" לאזט,
שערבלעך אויף אויגן זאל לייגן ;
מ׳ליגט זיך במנוחה אין קבר,
ס׳שווערע לעבן אויסצושווייגן.

א טויט־לאנג צו מוזן ליגן,
מיט אויגן נישט צוגעמאכטע,
ווארטן אויף תחית המתים,
אויפשטיין מיט די אויפגעוואכטע.

ו.

אן דער ליבשאפט פון מענטש צו מענטש,
וואס העלפן אלע געבאטן ?
זיצנדיקע ארום טאפ פלייש,
טאנצן א כאפטע האטנטאטן.

אן דער ליבשאפט פון מענטש צו מענטש,
ווער ברויך דען די אלטע געזעצן ?,
מיר אליין נאר איינס־ס׳אנדערע,
די אונטערגעשטעלטע נעצן.

געפאנגענע חיות אין שטייג,
איינער דעם צווייטן מיר פרעסן —
אויב דאס מיין לעבן, איז דער טויט,
ס׳ליבסטע צום הארץ צוצופרעסן.

ז.

אויב פאר נוצן פון פאלק און מענטש,
זיך נישט גאנץ אוועקצוגעבן ?
נישט צו קענען אויפגיין אין זיי ? !
וואסער נוצן ס׳גאנצע לעבן.

צווייגן באהאפטן אין שטאם,
טראגן פירות, טראגן זוימען ;



און מקוים עס ווערן נאך,
די דור־דורותדיקסטע טרוימען.

ס׳שטארבט דער זקן, ס׳פאלט דער העלד,
העלפן די טרערן, העלפט דאס קלאגן ?
די חלומות אבער ווערן,
פון פאלק און מענטש אויסגעטראגן.

ח.

אז דער אייגענער גוף אלץ איז,
ווילאנג האלט שוין אויס זיין דויער ?
פאלק און מענטש פארבונדן אבער —
אייביקער בונד מדור לדור!

פון ערד געמאכט ערד צו ווערן,
און מענטשלעכע מי דאצווישן ;
א וואלקן זיך אויפגעהויבן —
איין זון־שטראל אים אפצווישן!

שטויבל אין ווינט ס׳ביסל לעבן,
קוים א שוועב און שוין פארגאנגען ;
ארום ערד־קויל א קאראהאד,
הענט ברידערלעך זיך דערלאנגען.

ט.

אז די ליבשאפט נאר פאראנען,
וואס שוין טויט און וואס שוין שטארבן ?
מיטן געבענטש מענטש צו מענטש —
באהאפטן שארבן צו שארבן!

א זון איבער פינסטערער ערד
אויפגעלויכטענע געהירן ;
אפן שטייען אין לאבערינט
די טויזנט פארמאכטע טירן.

צו דער אייביקייט זיי פירן,
פון ווו אלץ און אלע שטאמען — —
וואס איז דער מענטש איינער אליין ?
אבער אז אלע צוזאמען!

י.

וואס איז טריפנדיקער טראפן ?
אבער אלע שבעה ימים,
פון טראפן בלויז צונויפגעשטעלט ;
און דאס וואס האלט זיי צוזאמען,

שטויבעלע צו שטויבעלע ס׳איז,
אין אן ערד צונויפגעקנאטן.
עס קרישלט דער שטארקסטער פעלדז,
און ווי שטויב ער ווערט צעשאטן;

טראפנס צעפיצלט, צעשפריצן,
די כוואלע׳ס אין זייגע שפאלטן!
אבער, ווען שטויבל צו שטויבל,
אלץ צוזאמען זיך האלטן — —

יא.

אלע וועלדער ווערן פענעס,
טינט אלע ימים און טייכן,
און אלע מענטשן די שרייבערס —
אלץ שוין דעמלט צו דערגרייכן!

שווערסטע חידות, טיפסטע סודות,
קלאר משיג צו זיין און אפן — —
איינכהרף־עין רעיון־פלי,
און איבער אלע אין־סופן —

— — — — — — — — — — — — — — —

פיל איך נישט אויף מיר טאטנס בליק,
בלאנקן שטראל שארף אריינדרינגען?
דעם „אקדמות מילין"־ניגון,
מלאכים וואלטן אים זינגען?

יב.

דאס גאנצע מענטשלעכע לעבן,
אזא הימליש פלינקער רעיון,
און דאס איבריקע ס׳איז רק,
די געשליפענע האק פון קין.

ס׳דרייט זיך אונזער קיילעכל ערד,
דער שלייף־שטיין די האק צו שלייפן —
מלמדיש געשפיצטער טייטל,
דעם רעיון גוט צו באגרייפן.

דאס ווארט, דאס אתא קלילא,
ווי שווער ס׳איז צו דערקלערן — —
די טראפן איבערן שלייפשטיין,
טריפן די מענטשלעכע טרערן.

יג.

מזמור, א געזאנג ל׳אן־סוף,
ווי נאכט און טאג — טויט און לעבן!



און דור צו דור די שטאפעטן,
איינס ס׳אנדערע איבערצוגעבן —

ס׳זיינען די טרערן די טייכן,
די סודות איבערצוטראגן — —
יעדער פון אונז א טראפנדל,
אין דעם ברויזנדיקן יאגן.

הער ווי עס זינגען די כוואליעס,
איינצורייסן אלע צוימען!
ס׳געזאנג הערט נישט אויף צומאל שוין,
ווען די גסיסה ליפן שוימען.

## א לו״ניק

י. ראפאפארטן *

א לו״ניק, ווען מען ענטדעקט,
בעסטער סימן, אז ער איז עס נישט;
אויב נישט געקענט זיך אויסבאהאלטן —
פאר פרעמדן בליק, שלאד פלינק נישט פארווישט!

אז מען דערטאפט א לו״ניק,
קוקט ער אייך אן, צעחושט און צעמישט;
דרייט זיך אויס צו אייך מיט א הויקער:
פיש, פיש, פיש, ווי מ׳האט זיך דאס צעפיש׳ט.

איין עצה בלייבט אים, ווערן א ז״ל,
דעם לו״ניק, ווען מען דערווישט;
ליגן בשלום על משכבו,
הערן ווי דער ווינט די קוויטלעך מישט —

א געהאלפענער אויף זיין קבר,
טרערן פון די אויגן זיך אויסווישט...
און ער אליין אויף אן אמת שוין,
אן עפר ואפר — מיט דער ערד צעמישט.

* א דאנק אלע וואס האבן מיר באגריסט צו מיין זיבעציקסטן געבוירן יאר. דאס ליד פאר חבר י. ראפאפארט, ווייל נאך אכט יאר דרוקן מיין פראזע, איז ער געווען דער ערשטער, וואס האט זי עפנטלעך דער־מאנט צום גוטן. דער יובל־„דרשה־געשאנק" וועט מסתם סטייען אפ־צודריקן אין א בענדל אייניקע קאפיטלעך פון דער פראזע, וואס מיר האפן עס בקרוב צו טון.

## בראשית — אין אנהייב

(המשך)—2

ווען מיר זענען אויפן „הערן־גוט״ ערגעץ אין פאמערן אנגעקומען, איז שוין געווען פארנאכטלעך; ערב־הארבסטיק, טאקע ווי צו קארטאפל־שניווע. דער הימל — מרה־שחורהדיק, אלולדיק, האט אויסגעזען ווי אן אפגעקאשעטער, נאר דא און דארט ציען זיך נאך זיגזאגנעס מיט גרוילעך־גרינלעכע, שווארצע באדעלעס־וואלקנדלעך. די איינזאמעביימער, וואס האבן אונז באגלייט אויפן שאסיי, האבן אונז נאכגעווייעט וויאנענדיק ווי מיט באדויערן, ווי מיט רחמנות: וואו קריכט איר דא, יידישע יינגלעך, ווי צאפעס אין שאדן... דער שליאך פון א ווייטער דארף־סטאציע צום פארווארפענעם „הערן־גוט״ האט זיך געצויגן צווישן ליידיקע אקערס — עס איז שוין געווען לאנג נאכן שניט פון די תבואה פעלדער.

די לאנגע מארגעס קארטאפל־אקערס, וואס האבן זיך געצויגן פון דער ווייטנס נאנט צו דער ערד, גרינלעך־שווארצלעך, גרוי־איבערצייטיקט, האט מען קוים געזען אין דער טונקלניש.

אנגעקומען אין „הערן־גוט״, האט מען אונז אריינגעפירט אינם „קנעכט־הויז״, וואו די טישן זענען געווען באלייגט מיט ליידיקע שיסלען און טיי־טעפלעך, אבער קיין מענטש איז נישט געווען צו זען. דער ריח פון זויערן שוייס און פון שווערע עסעכצער האט זיך נאך שארף געשפירט אין דער לופט. אייגנטלעך איז עס נישט געווען קיין שטוב, נאר א מין לאנגע שטאל און די טישן — צוזאמענגעקלאפטע ברעטער, ארויפגעלייגט אויף קאזשלעס.

מיר האבן נישט לאנג קיין צייט געהאט זיך ארומצוקוקן. נאך איידער מיר האבן זיך איינער דעם אנדערן אין דער בין־השמשות טונקלניש אין די אויגן א פארוואונדערטן קוק געטון איז שוין א צעיוירענע שיקסע מיט צוויי פארנדיקע עמערס געשטאנען ביים טיש און די פארע, ווי זי וואלט נישט געגאנגען פון די עמערס, נאר פון איר שוויצנדיקן, שווערן בוזעם, פון איר צעפלאמט, צעגאסן פנים. און אויך דער שווערער עסעכצערגערוך, וואס האט געשוועבט אין דער לופט, האט זיך געדאכט, ווי ער גאר, וואלט אויך ארויס פון איר צעיוירן, צעפלאמט לייב.

דאס באגריסן אונז איז געווען מער א געדיכט לאכן ווי ריידן — ביי יעדן צווייטן ווארט האט כארכלדיק ארויסגעלאכט דער קלאנג „ארשש״ און זיך היימיש מאכנדיק מיט אונז, האט זי פלינק צוזאמענגערוקט דריי אקארשט אויסגעליידיקטע שיסלען און נאך ווארעמע טיי־טעפלעך און פול — צום איבערגיין! — אנגעגאסן. זי האט קיין צייט נישט איצט, זי מוז לויפן מעלקן... אונזער שלאף־קאמער וועלן מיר שוין געפינען, די טיר וועט שטיין אפן...

די שיסל זופ איז קודם געווען א פארעדיקע — נישט א נאך מלחמהדיקער סורואגאט! — א מין קלייען ארבעס־זופ, אפשר א שיריים פונם קעלבערבראק, שטארק געזאלצן און געפעפערט און באקומלט און ס׳האט געשמעקט און דער־ווארעמט. און אז מיר האבן זיך באלעקט נאך דעם געזאלצענעם און באקומלטן



מאכל — נישט ווייניקער מסתם ווי די קעלבער, וואס לעקן דעם אבראק דירעקט פונם עמער ארויס — איז ערשט געקומען דאס טעפל ציקאריע, מחיה נפשות.

אפשר, ווען יעקב גיט דעמאלט עשׂיון ביים פארקויפן די בכורה צום טעלער נזיד־עדשים נאך צו א טאפ ווארעמע ציקאריע, וואלט זיך זיין רציחה געווען אפגעקילט. — ווען מיר האבן זיך אלע דריי אנגעקוקט בשעתן איבערדרייען די טעפלעך וואו די אנדערע זענען געשטאנען, כדי מארגן זיי ווידער צום אנבייסן אנצוגיסן, האבן מיר זיך אלע דריי הילכיק, כארכלדיק צעלאכט, אויסלאזנדיק מיטן פריילעכן קלאנג: „ארשש״.

ווען מיר זענען ארויסגעקומען איז שוין געווען שטאק־פינסטער. דער הויף, ארומגערינגלט מיט שטאלן און מיט כאטעס, א פארזויערטער פון מיסט־קופעס, איז געווען פול מיט זאטן קי־געמריטשע, געקלאפט פון פערדישע פאדקאוועס און געשנארך פון מענטשלעכע נעז — אויב עס האט דאך עפעס אין דעם הארמאנירט, איז עס געווען א מין נאכט־מוזיק: די זיסע מנוחה נאך עבודת־ הפרך...

מיר האבן באלד דערזען די אפענע טיר, ווייל אין דער שטאק־פינסטערניש האט אריינגעשיינט א שטויביק־שאטנדיק ליכט — מיר זענען אריין!

א קליין עלעקטריש לעמפל דירעקט ביים באשפינטן, באשטויבטן באלטן, באגלייגט מיט שלאפנדיקע פליגן; ארום פליגן־באפינטלטן לעמפל יאגן זיך פריילעך־צעפלאטערטע, כלערליי פארביקע זומער־פייגעלעך, ווי זיי וואלטן געטאנצט צום געזשום פון די מחנות מיקן און ליכט־פליגעלעך, וואס ווי נאר זיי באטרעטן די שוועל, לעשן זיי זיך באלד אויס...

מיר האבן זיך אלע דריי צעלאכט, דערזעענדיק אונזער „שלאף־קאמער״ און זיך ווידער געסטארעט אויסצולאזן מיט דעם פריילעכן קלאנג: „ארשש״ — עפעס האט דער שארפער קאנטרא־פונקט אריינגעפאסט זיך אין דער גאנצער „מוזיק״ דא...

און אזוי לאכנדיק האבן מיר זיך אלע דריי אריינגעוואליעט אין די דריי פריש־„אויסגעבעטע״ שטרוי־געלעגערס. די פריש־אנגעשטאפטע הייקישעלעך מיט זייער ציפעדיקן קלאווער־ריח, אויסגעמישט מיטן מיסט־גערוך פונדרויסן, זון שטייט טאקע אן ערב־הארבסטיקע, א צעבערענטע אינם שטויביקן שפינוועבס באשפינטן די געלעגערס, ווי אויסצופרובירן, ווי אויף א קאטאוועס... דער ריח־השדה אבער האט מיך ווי באטויבט און איך בין איינגעשלאפן מיט א זאטן, שווערן שלאף און צוזאם מיט דער פעטער, זשומענדיקער פליג פאר מיין נאז, האט זיך מסתם מיין יידישע נאז געגומען מיטבאטייליקן אין דעם נאכט־ארקעסטער...

איך האב מיך אויפגעכאפט פון א גלאקן־קלאנג, ווי אויף א שריפה, און די זון שטייט טאקע אן ערב־הארבסטיקע, א צעבערענטע אינם שטויביקן שפינוועבס באשפינטן פענסטערל. איך וויל מיך כאפן ווו איך בין און דערזע די צוויי ברידער, די צוויי אונגארישע בחורים, שוין פריש־ראזירטע, געוואשענע און צוגעקעמטע. כ׳דערהער זייער געזשום — זיי זוברעווען זייער „בוכהאל־

טעריע״! כ׳האב מיך געוואלט צעלאכן און אויסלאזן מיטן „מוזיקאלישן״ קלאנג... אבער איך האב מיך דאך איינגעהאלטן, נישט צו שטערן זייער התמדה. איך דערמאן מיך אין דודן, דעם מתמיד פון טשעלאדזשער שטיבל: ביינאכט אהיימגייענדיק, האב איך אים צוגעבונדן מיט זיין גארטל צו דער באנק און אין דער פרי, צוריקקומענדיק, האב איך אים נאך אלץ געפונען אזוי צוגעבונדן; און ער האט אפילו נישט געוואוסט פון דעם גאנצן בשוכבה ובקומה...

אנצוטון האב איך מיך נישט באדארפט. מיט וואס צו ראזירן האב איך נישט געהאט און כ׳האב אויך נישט געדארפט. פארן אוועקפארן פון בערלין האב איך מיך געלאזט ראזירן. זיי שטערן האב איך אויך נישט געוואלט, האב איך מיך ארויסגעלאזן אויפן הויף זוכן א פלומפ מיך אביסל ארומצואוואשן.

אויף דעם פאפיר, וואס מיר האבן מיטגעברענגט פון „יידישן ארבעטס־אמט״ אין בערלין, איז געווען געשריבן, אז איך בין א „לאנד־ארבעטער״ פון פאך; האט מען מיר נאכן אנבייסן, ווען מיר זענען ארויס אויף די פעלדער צו דער ארבעט, ווי דעם פאכמאן טעקע געגעבן א גראביע אין האנט אריין, אונטערצוהייבן מיט איר די באדעלעס־זאגאנעס, זיי איבערצוקערן מיטן הינטן ארויף, אונטערצוהייבן און אפצושאקלען דעם קארטאפל־קלאמפער פון דער צוגעקלעפטער ערד און די איינגעבויגענע פויערטעס און די שיקסעס ארום מיר זאלן אפצופן די קארטאפל פונם ווארצל־בונד און זיי אריינווארפן אין די קיישלעך. די צוויי ברידער, ווי שווארץ־ארבעטער, זאלן אויסליידיקן די קיישלעך אין די זעק אריין און זיי צוטראגן צום וואגן.

דאס „אונטערהייבן״ איז גארנישט פון די קלייניקייטן! מ׳מוז מיט גרויס געניטקייט און קונציק, מיט איין הייב דעם גאנצן ווייך־פארצוויגטן ווארצל א צי־ארויס געבן, אפרייסן און מיט אלע זיינע שנירן־נאפלען פון דער מאמע־ערד און מיטן אימפעטיקן שטעק־אריין נישט באשעדיקן קיין איין קארטאפעלע און קיין איינס נישט איבערלאזן אין דער ערד.

אויב „בלאזן שופר איז א חכמה און נישט קיין מלאכה״, איז קארטאפל גראבן ביידע — אי א חכמה און אי א מלאכה. מיט גרויס געניטקייט און מיט בארעכנטער חכמה מוז מען א שטעק־אריין געבן דעם געשפיצטן גראביע־גאפל און מיט כוח אים א הויב־ארויס געבן און באותה רגע מיט גרויס ראזמאך אן איבערקער געבן מיטן הינטן ארויף, אזוי, אז די קרישקעס ערד זאלן זיך קרוכלע צעשיטן און די גרוי־ווייסע ערד־עפל זאלן זיך צעקייקלען ווי די צייטיקע עפל ווען מען צעשאקלט אבוים; נישט ערשט מ׳זאל מוזן צופן ערשט יעדן קארטאפל פון די וויכלעכע ווארצלען, קלעפיקע ווי שלאנגען.

די באבעס און די שיקסעס האבן שוין געזעען וואס פאר א „בעל־מלאכה״ איך בין... מאנכע האבן זיך געמאכט נישט זעענדיק, אנדערע האבן זיך איבערגעקוקט: שוין איינמאל א „לאנד־ארבעטער״. איין שיקסל האט געפריווט צו פארשארן אזא צעניזוקטן קארטאפל אונטער די באדעלעס „פאר א בייז אויג...״ פון די צוויי ברידער זענען זיי דוקא נתפעל: געטראגן די פולע זעק קארטאפל



ווי א שפילעכל און געלאפן מיט זיי צום וואגן ווי צו א טאנץ... מיר, איך מיטן מאנדל ווייבער האבן גארנישט געקענט נאסטייען די צוויי.

דער „מארק־גראף״ פונם „הערדן־גוט״, א רעזערוו־אפיציר און אהיימגעקומען פונם פארלוירענעם קריג א לייטענאנט, מיט א העלדישע ברוסט ברייט באהאנגען פול מיט מעדאלן, וואס האט זיך „אויסגעצייכנט״ געפילט אין זיין ראלע און ווייטער זי געוואלט שפילן מיט פרייסישן שארם און גלאנץ, וואס זיין מלאכה איז געווען ארומצורייטן אויף זיין יונג, הירזשענדיק פערד, א געפוצטס און גלאנצנדיק — „געשניגלט און געביגלט״! — און צו קנאלן מיט זיין רייט־בייטשל. דא האט ער זיך פלוצלינג באוויזן מיט זיין „דאנער־וועטער״! פארן טויער פונם שייער ביי די דרעשערס, דא קאן דאס הירזשענדיקע פערד נישט איינשטיין און שטעלט זיך דובאם פאר דעם כעס וואס צעפלאקערט זיך אין אים, אין דעם רייטער, שטייענדיק איבערן קופקעלע באבעס און אקייגנאיבער מיר דעם „לאנד־ארבעטער״ מיט דער גראביע אין האנט —

ער זעט וואס פאר א געניטער פאכמאן איך בין, אבער האט ער אן אנדערע עצה, אז פונם גאנצן דארף זענען צוריקגעקומען פון קריג אחד מעיר ושתים ממשפחה... א באבע וואלט עס שוין זיכער בעסער געמאכט פון מיר, אבער יעצט נאך דער מלחמה א פרויענצימער אויסשטאטן מיטן דעם גראבליע כל־זיין, אדער זיי לאזן קאפן מיט די „קאפצעס״ ווי אין דער פאלאקיי?...

ער איז צו פויל געווען אדער צו „הערנהאפט״־שטאלץ אראפצוגיין פונם פערד און מיר א וויזן צו טון ווי מ׳מוז א דריי טון מיט דעם גראביע־גאפל, ווי אן אמתער בעל־בית טוט עס, ווען ער זעט די אומבאהאלפנקייט, די לינקישקייט פון זיין ארבעטער. ער האט געגעבן א בייזן שמיץ מיטן רייט־בייטשל און אוועקגאלאפירט.

דאס קרענצל באבעס ארום מיר האט מיך אנגעקוקט און אראפגעלאזט די אויגן, די צוויי ברידער עפעס צווישן זיך גערעדט אין אונגאריש...

שבת פארנאכט האט מען מיך אריינגערופן אין ביורא אויפן אפיצערסקע־בייזן און איראנישן קוק פונם לאנד־גראף: אזא לאנד־ארבעטער בין איך, אז די באבעס מוזן אזש די קארטאפל אראפצופן פונם גאפל...

מיין תשובה איז געווען, אז מיין ארבעט איז תמיד געווען ביי קי אין שטאל און ביי רייסן צוקער־ריבן. כ׳בין א שטאל־קנעכט ביי שטאם־בוך קי אין האלאנד.

די צווייטע וואך ביים אויסטיילן די מישמורות האט מען דעם קו־פאסטוך איבערגעגעבן מיין ארבעט און מיר — די סטאדע בהמות ארויסצופירן אויף דער לאנקע, זיי היטן זיי זאלן נישט לויפן אין שאדן — אין נאך נישט געקאשעטן היי, זיי אהיימברענגען אין אוונט און העלפן ביים מעלקן; אי דער פרי שניידן די שעצקע און אויסליידיקן די „ראוון״.

כ׳בין אויפגעריכט געווארן! כ׳וועל מיר קאנען זיצן דרויסן א גאנצן טאג אויף דער לאנקע און לייענען די איבסן דראמעס און אפשר, אז גאט וויל, ענדיקן די סעריע לידער, וואס כ׳האב אזוי שיין אנגעהויבן.

די גאנצע וואך בין איך געווען א געהרגעטער פונם שטיין גאנצע טעג מיט דער גראביע צווישן די קניענדיקע באבעס און פארשייט לאכנדיקע שיקסעס און אין די נעכט ליגנדיק אויף מיין שטרוי־געלעגער ווי א געלעמטער מיט דעם שארפן קלאווער שמעקדיקן היי־קישעלע צוקאפנס — נישט איך בין געשלאפן, נאר ארייננעפאלן מיט א פולן בויך חזירשן נזיד־עדשים זופ אין א מיראזש פון ווילדע תאווה־חלומות; אן אויסגעמענצעטער פון שדים און מכשפות־האלוצינאציעס, מיך געפארקעט אין דעם ווייכן שלאנגיקן געפלאנטער פון קארטאפל־ווארצלען — מיט טויזנט וואונקענדיקע אויגן האבן זיי אויף מיר געקוקט און געוויגט זיך און גערייצט און דאס הירזשענדיקע פערד שטייט דובאם...

דעם איינעם זונטאג, וואס איז געווען עפעס א מין מנוחה. באלד באגינען שוין, ממש אין דער מארגן־דעמערונג, נאך איידער די צוויי ברידער האבן געזוברעוועט זייער בוכהאלטעריע, ארויסגייענדיק מיך וואשן, נישט נאר דאס פנים, נאר דאס גאנצע לייב מיינס, וואס האט שוין געשטונקען פון שוויס, זיכער זייענדיק, אז ס׳וועט נאך קיין ילידה־אשה נישט זיין אויפן הויף, זע איך שטיין אן אויסגעדארט הימיש פויערל מיט א פויערטע און ריידן צווישן זיך סודותדיק־שושקענדיק. זיי ריידן צווישן זיך פויליש, איך קען נישט קיין פויליש, אבער פארשטיי יעדן קלאנג. אט כאפ איך אויף א באקאנט ווארט און ס׳נעמט מיך ארום מיט אזא סמוטנע היימישקייט — נאנטע קלאנגען פון דער קאפליצע אין דער היים, אין טשעלאדזש, ווען זי האט געקלונגען מיטן דינעם גלאק און אנגעזאגט א טויטן, אז ס׳איז ווער געשטארבן אין דארף...

אדער זיי האבן געוואלט זיין צווישן זיך, נישט געשטערט אין זייערע אינטימע מינוטן, אדער זיי האבן פארשטאנען, אז איך וויל מיך דא א נאקעטער ארומוואשן און אויסצוואגן און אז זיי אז זיי שטערן מיר, און זיי האבן זיך שטיל אפגעטראגן.

נאכן ארומוואשן ווען כ׳בין ארייננעקומען בין איך געבליבן זיצן א צעווארעמטער אויף מיין געלעגער, א דערפרייטער, צע־יום־טובדיקטער. די אויפבלישטשענדיקע זון איז געבליבן שטיין אין פענסטער. דאס גאנצע שטיבל האט אויסגעזעען ווי באגילדיקט און אין מיר האט עס גענומען אזוי וואונדערלעך קלינגען ווי צו א מארגן־געבעט — איך געדענק נישט קיין איין ווארט פונם ליד, וואס איך האב דעמאלט אויפגעשריבן, איך געדענק נאר די סמוטנעגרויע פארב דערפון...

דאס ליד איז אויך געווען וואס מיט צוויי וואכן שפעטער בין איך ארויפגעגאנגען דערמיט צו זלמן שניאורן. עס אדורכגעלייענט, האט ער מיך געהייסן ווארטן, מיך געבעטן זיצן, מ׳וועט באלד אריינברענגען א גלעזל טיי. ער מוז נאר שנעל נאך עפעס ענדיקן.

אינמיטן שנעלן שרייבן שטעלט ער זיך אפ און איך הער א באמבאסטישער באריטאן־שטימע: „קאלעגע, וויאזוי וועט איר באנוצן אזא ווארט?" און ער לייענט מיר אדורך דעם געשריבענעם זאץ, וואס ער האלט אינמיטן ענדיקן.



דאס ליד איז אויך נאך דעם זעלבן חודש געדרוקט געווארן אין דער „אסט־יודישער" צייטונג „מזרחי", וואס קעסטנבוים, א ליטעראריש־סענטימענטאלער אינטעליגענט, א מוכר־ספרים אין ראג אויגוסט־סטראסע, אויף דער ארטעלערי־שטראסע, האט ארויסגעגעבן.

מיט קוים א יאר שפעטער, ביי א מסיבה צו ביאליקס אנקומען קיין בערלין, זאגט ער צו מיר קוקנדיק איבער די ברילן: כ׳האב געלייענט אייער מיצקיעוויטש־סלאוואצקיע ליד"...

„איר זענט אייך טועה, איך קען קיין פויליש נישט; די שייכותן זענען פיל נענטער"... ער האט זיך אריבערגעבויגן צו מיר, אויסטוענדיק די שפאקולן צו ווען בעסער דערזעען, אפנים, אין מיינע אויגן די יינגלשע העזה... זיין האנט האט זיך אויסגעשטרעקט איבערן טיש מיר צו געבן א „קניפ אין בעקל", אבער ער האט שוין נישט אפגעלאזט מיין האנט די גאנצע צייט בשעתן ריידן.

ביינאכט אין דער דארפס־קנייפע „צום מארק־גראף" האבן שוין די צוויי ברידער געהאט זייערע „שאצן" און איך, זיצנדיק מיט „מיינער" ביי א גלאז ביר, אהינקוקנדיק אלץ צו דער שיינער שענקערקע מיט די פארשייטע בליקן און מיט אפאר שיינע, תאווהדיקע ליפן, וואס ביי יעדן צווייטן ווארט קלינגט לאכנדיק ארויס פון זיי דער שוין באקאנטער קלאנג, דא מיט געמאכטן צארן און דא מיט עכטן געלעכטער, אז דאס קנייפעלע שאקלט זיך אזש אין גאנצן: „אררשש", האב איך שוין געוואוסט אלץ: זי אליין, „מיין שאץ" האט א קינד פון „איר שאץ", וואס איז העלדיש געפאלן מיט אן אויסצייכענונג אין קריג און יענע דארט וואס זיצט מיטן עלטערן ברודער האט צוויי פון א רוסישן געפאנגענעם, וואס האט דא געארבעט אין דארף. „מארמעלאדע"... שטיקט זי זיך פון געלעכטער נישטא ארויסצוזאגן דעם סוף גראם דערצו? „מיינע" איז געווען די זעלבע, וואס האט אריינגעברענגט די זופ אין יענעם ערשטן אוונט. יעצט האט פון איר געשמעקט א שארפע שמעקעדיקע זייף, וואס האט די נאז פארריסן: זי וואלט געוואלט וויסן וואס קוק איך אזוי צו דער שענקערין אהין; וואס האט יענע אזוינס וואס זי האט נישט?... דער מאן אירער איז געפאלן אין „פלאנדערן" און געלאזט איר א ירושה... א יונגע אלמנה אן א קינד און אלע רייבן זיך צו איר... פון אלע דערפער קומען זיי אהער דירעקט פון דער קירכע און יעדן זונטאג קלייבט זי זיך אויס אן אנדערן... „זי ווייסט נישט וואס זענען די מענער אין איר"... דער לעצטער זאץ האט אויפגערעגט ארויסגעשריגן פון איר. מיט דעם ווארט „מענער", מיינט זי אויך מיך...

יא, איך בין אויפגעריכט געווארן! מאנטאג פארטאגס איז אריינגעקומען אין אונזער קאמער דער פאסטוך און מיך ארויסגערופן אין הויף ארויס; פאר דער שטאל איז שוין געשטאנען די גאנצע סטאדע קי צום אפמארש... זיי זענען געשטאנען שטיל און געווארט אויפן באפעל... דער הונט איז ארומגעלאפן ארום זיי און געקוקט זיי אויף די פיס מיט א געהוק ווי א פעלדפעבל בשעת דער קאמאנדיר ברויך זיך באלד באווייזן...

א קלוגער הונט מיט ליכטיקע, פלינקע אויגן; א דאקל מיט א לאנגן,

אראפּהענגענדיקן בויך צווישן די נידריקע פּיסלעך. דער פּאַסטוך האָט צו אים גערעדט, איך האָב געזעען ווי ער פאַרשטייט אַלץ; עס האָט עפּעס געמוזט זאָגן וועגן מיר, ווייל דער הונט האָט אויף מיר צוגעוואָרפן אַ שנעלן בליק, אַ פריינטלעכן, אַזוי צו זאָגן...

דער פּאַסטוך האָט מיר איבערגעגעבן זיין שטעקן, מיט אַ מינע ווי אַ קאָ־מאַנדיר טוט דאָס, מסתּם, אויפן שלאַכטפעלד ווען ער גיט איבער זיין דיוויזיע צו אַ צווייטן: „פאַרלאָז דיך אויף וואַלדי, ער ווייסט שוין אַלץ!“

וואַלדי האָט זיך געשטעלט ביי מיין זייט, זיין ליכטיקער בליק האָט זיך פאַרכמורעט, ערנסט צונויפגעשנורעוועט, נאָר זיינע שיטערע ציינדלעך האָבן ווי שמייכלדיק צו מיר געקוקט: האָסט גערנישט וואָס מורא צו האָבן, איך וועל דיך נישט בייסן... און אַ יאָג געטון מיט אַ בייזער האַווקע די סטאַדע פון אַ צוואַנציק קי מיט אַ האַלבן טוץ קעלבלעך.

האָבן זיך געצויגן די נישט־געקאַשעטע לאַנקעס, וואַרטנדיק אויף זייער לעצטן האַרבסט־שניט — ברוינלעך־גרוילעך, געלבלעך־פאַרוויאַנעט, מיט ווייענדיקן זוימען שוין איבערגעצייטיקטן — מיטן אייביק קוים צו דערכאַפּן; און פאַר מיר און אַרום מיר אָפּגעגריזשעטע גרינע ווייספּע־וואַרסטן־ווייט. בין איך מיר געזעסן אויף אַ בערגלדיקן משופּע מיך צוגעהערט צום מעלה־גירהדיקן כראַפּען און גריזשען פון די קי; גייענדיק קייען זיי און קייענדיק לייגן זיי אָן אַזעלכע פאַרענדיקע פּלאַצקעס. פּלוצלינג הייבט איינע אויף איר שיינעם קאָפּ און צעמריטשעט זיך מיט אַזאַ תאוותדיקער יללה און זיי בלייבן אַלע שטיין און קוקן דיך אָן מיט אַזעלכע תמימותדיקע גוטע אויגן, נישט פון דעם עולם. לאָזן זיך די האַצקעדיקע קעלבער צו די מאַמעדיקע אייטערס און דער הונט יאָגט צוזאַם די יאַלעוויקעס, וואָס האָבן זיך דערווייטערט אַביסל פון דער סטאַדע מיט דעם מיין, מסתּם, זיך צו לאָזן צו די ווייטע לאַנקעס, פון וו ס׳שמעקט מיט צוגעברוינטן קלאָווער, און מיט נאָך עפּעס אַ שאַרפקייט...

אָבער ווילאַנג קען מען זיך אַזוי זיצן און צוקוקן? צו טראַכטן איז דאָ געננוג... און וואָס וועט ווערן מיט אַ בריוו אַהיים? קומט אַ פּסוק אין קאָפּ אַריין, אַ מאמר חז״ל, עס פלעכט זיך אַ פּערז... גאַנצע משניות פון „פּאה“, פון „כלים“ וואָס דער טאַטע האָט פון אויסנווייניק פאַר מיר געזאָגט און איך האָב מיך צו אים צוגעהערט, שווימען אויף: האָבן מיר נישט אַרויסגעצויגן דעם עיקר־זשניווע פון דער ערד, — דעם תּמצות! — וואָס דער מענטש מוז איר אַרויסציען, אויב דע עובד־אדמה זאָל נישט זיין קיין עבד, קיין קיין... און מיר טראָגן זי אין אונזערע האַרץ־טאָרבעלעך.

דער הונט לאַשטשעט זיך צו מיר, ער וויל עפּעס; ער וויל זיך שפּילן. ער זעט מיט זיינע פלינקע אויגן, אַז איך מערק עס, כאַפּט ער דעם פּאַסטוך־שטעקן צווישן זיינע שיטערע קינדישע דאַקל־ציין און מיר סאַרפּען זיך. איך קייקל מיך מיט אים בערגל־אַראָפּ. מיר שפּילן זיך אין יאַגעלעך און מאַכן קאַזשעליקעס איינער איבערן אַנדערן. איך ווער מיט אים גאַנצער „פּאַן־בראַט“. מאַדנע, אַז איך רעד צו אים, רעד איך דווקא אויף פּויליש: „אַ פּודזשאַס, פּוטשטו!“



צומאַרגנס נעם איך מיט מיר מיט דאָס איבסן־בוך. כ׳לייג עס אַריין צום עסן אין מיין פּעלענעם פּאַסטוך־בייטל, וואָס הענגט מיר אַראָפּ אין דער זייט אויף אַ פּאַסיק.

„די אַרבעט“ איז שנעל איינגעשטעלט — איך הער דאָס ריטמישע גריזשען! עס דויערט אָבער ביז איך לייען מיך אַריין. די מלאכה גופא פון לייענען, אַפילו יידיש, איז פאַר מיר אַ נישט־געוואוינטער ענין. בפרט, אַז איבער צוויי יאָר כמעט קיין בוך ריכטיק אין דער האַנט נישט געהאַלטן.

דער הונט זעצט זיך צו מיר צו. ער וואַרט, ער בלישטשעט מיט די אויגן, דרייט מיטן שפּיציקן דאַקל־עק, לאַשטשעט זיך מיטן בייכל. ער וויל אַ האַווקע טון, אָבער ער מערקט מסתּם מיט זיינע קלוגע אויגן, אַז דאָ טו איך עפּעס... זעצט ער זיך אַנידער אין מיין זייט און קוקט דאָ אויף מיר און דאָ אין בוך.

עפּעס אַ גאַנצער פּלפּול טראַכט איך מיר, הונדערט קשיות פאַרענטפערט מיט איין תּירוץ. אָבער איבסן איז נישט ר׳יואב יהושע, ער איז אַ גוי, וואַרפט ער אים אַראָפּ פון טורעם דעם גאַנצן „בוימייסטער“ — חייב מיתה איז ער!

אָבער וואָס איז טאַקע ליבע, תּאווה? אַ פּלפּול? עס איז דאָך אויף טויט און לעבן! עס איז דאָך נישט גלאַט קאַטאַוועס אין דער וועלט אַריין...

אָבער איך בין אינגאַנצן נישט מסוגל צונויפצונעמען דעם גאַנצן ענין: אָט שטייט גוסטאַ פאַר מיינע אויגן אינגאַנצן ווי זי איז געשטאַנען צווישן מאַקסן און דעם בחור פונעם „יידישן אַרבעטס־אַמט“ און אָט די שענקערין פון דער דאָרף־שענק... און שוין פאַרשווינדן זיי ביידע; פון גוסטאַן בלייבט דער ווייסער שרינט גראָד געצויגן אין אירע בלאָנדע האָר, און די פעטע תּאווה־דיקע ליפּן פון דער שענקערין: „אררשש“.

האָב איך דעם קלאַנג הויך אַרויסגערעדט? פּלוצלינג שטעלן זיך אויף די אויערן ביים הונט ווי זי וואָלטן עפּעס הערן. ער שפּרינגט אויף, ווי ער לויפט עמיצן אַקייגן... איך הער אויך שוין דאָס קלאַפּן פון די טלאָען, דאָס הירזשען, מסתּם רייט אָן דער מאַרקגראַף אויף אינספּעקציע... איך האָב נאָך קוים צייט דאָס בוך צוצומאַכן.

מיר קאַטשען זיך ביידע פון ווילדער פרייד פון בערגל אַראָפּ — אַ חכם פון אַ הונט! און ווי ער איז באַוווסט פון זיין אויפטו, קען זיך גאַרנישט באַרו־איקן, טאַנצט און האַפּקעט מיר אין פּנים אַריין, באַלעקנדיק מיך מיט זיין רויטער צונג. און רינט נישט מיר אויב שוין די סלינע פונעם מויל?...

אָבער איין טאָג, זיצנדיק פאַרטיפט איבער „העדאַ גאַבלער“ — אָפּנים מער ווי חריפות, דאָס שמעקט שוין מיט עמקות. און וואַלדי, לאַשטשענדיק צו מיר, פאַרטיפט זיך מיט מיר... און ס׳ביסל קי מיט די קעלבער, מיט די יאַלעוויקעס זענען זיך צעקראָכן אין די שמעקעדיקע היי־לאַנקעס אַריין — דער שאַרפער גערוך האָט זיי גאַרנישט פאַרפירט, ס׳איז דאָרט געווען די אמתע אכילה — די גרעזער זענען געגאַנגען ביז צו די בייכער. אַזוי געקראָכן און געגאַנגען, אַז מ׳האָט שוין באַלד נישט אַרויסגעזען. און דאָ שטייט פאַר אונז דער מאַרקגראַף הויך אויף זיין פערד, דאָס פּנים פייערט אים פון רציחה. מיר

האבן אפילו נישט געהערט דאס קנאקן פון זיין בייטשל. מיט א „דאנער וועטער" האט ער א שפרונג־אריבער געגעבן איבער אונז מיט א גאלאפ אין דארף אריין.

איך שפרינג אויף א ווילד־דערשראקענער, דער הונט נאך מיר: אז ס'איז דא א צעשפרייטע סטאדע, קאן ער זי צוזאמיאגן, זי ארומרינגלען מיט זיין געביל. אן אנטלאפענע קו קאן ער אונטעריאגן, בייסנדיק איר די קנעכל, שפרינגען איר אין די אויגן אריין — אבער אז דא איז גארנישטא!

איך ווער פשוט משוגע, איך שפרינג פון דער הויט ארויס, איך געוואלדע־ווע אויפן הונט, הייב אויף אים דעם שטעקן.

מתחילת קוקט ער אויף מיר מיט מיטלייד, מיט רחמנות, אבער באלד זעט ער איין, אז ער האט צו טון מיט א ווילדער זאך, מיט עפעס א רוח, קוקט ער מיך אן א רגע אין טויט־שרעק, דרייט זיך שנעל אויס און לויפט אין דארף אריין, ווי אנזאגן א בייזע בשורה: א שטייגער, א וואלף האט זיך באוויזן, אדער אפשר גאר נאך ערגערס — א וואלפקולאק!

איך האב מיך געיאגט מיטן פאסטוך־שטעקן טיף אינם היי, ביז איבער דער קני, אבער נישט נאר וואס כ'האב זיי נישט צונויפגעזאמלט, נאר נאך מער צעיאגט.

דערווייל איז געקומען אנצולויפן פון דארף דער אמתער פאסטוך, און נאך אים דער האוקענדיקער וואלדי, ווי ער וואלט געהאלטן אים אין איין דערציילן — האט ער אים אנדערציילט פון דער „העבא גאבלער", וואס פאר א מרשעת דאס איז, וואס פאר א ווילדע חיה, אדער פון מיר, גאר וואס כ'האב מיך באנומען ווי א רוח, ווי א חסר־דעה?, די שלינע איז אים געלאפן פון מויל.

ער האט אלץ געשלעפט דעם פאסטוך צום בערגל צו, וואס פון דארטן איז דאס ארויס דאס גאנצע שלעכטס; אים געריסן, געבילט.

די צעווירענע שיקסע, ביי אונזער אנקומען, „דער שאך" פון זונטאג ביי־נאכט אין שענק, איז געקומען צולויפן ווי א קוואקע, וואס וויל באשיצן אירע הינדלעך.

דער פאסטוך האט גענומען דאס איבסן־בוך אין דער האנט אריין ווי א האן, וואס מ'כאפט ארויס צום קוילענען און מ'האלט ביי א צעפלאשעטן פליגל:

„איך ראטע דיר, פארדופטע". ער האט מיט מיר גארנישט געוואלט איינ־טענהן, ווייל ער האט מורא געהאט פאר זיין אייגענער רציחה.

די שיקסע, מיך ארויסבאגלייטנדיק אויפן שאסיי, ווייזנדיק מיר דעם שליאך צום קליינעם דארף־באן־סטאציעלע, האט מיר דערציילט, אז אין הויף טוט זיך סכנות־נפשות — אז איך זאל טאקע וואס גיכער „פארדופטן", ווארום דער משוגענער מארקגראף קאן מיך נאך נאכיאגן מיט זיין יאגד־ביקס... זי האט מיר נאך געשטופט, ביים געזעגענען, א האלב ברויט אין בוזעם אריין.

(שלוס פון קאפיטל — אין קומענדיקן נומער)

---

איך ווינטש מיין פריינט **א. נ. שטענצל** צו זיין ווערן א בן־שבעים נאך א סך געזונטע און גוטע יארן צו קענען אנגיין מיט זיין ארבעט.

שמואל מאקאטאוו

---



## אויף שלום אשאס ע"ה קבר

אין וויניגער ווי פיער איילען
ליגט דיין גרויסקייט איינגעקלאמערט,
דו מיט דיין נאבעלן נאמען וואס שמט,
וויט און ברייט אין אלע וועלטיילן,
וואס האט מיט אויסגעמאסטענעם בליק,
לעבענס שטריכן אויסגעהאמערט.

„דיין איך" פון קאמפ אויסגעמאטערט
ליגט יעצט דא, פון לעבן באזיגט;
באוועבט מיט אנאיראנישן שמייכעל
וואס האט צאנקענדיג אויסגעפלאקערט;
חלומות אויסגעשפונענע
האלטן יעצט דיך אין טטילן שויס פארוויגט...

---

## דר. יוסף סעגאל ע.ה.

מיין טיפן מיטלייד צו דר. סאבי סעגאל צום נפטר ווערן פון זיין פאלער **דר. יוסף סעגאל**, א יידישער שרייבער, א תלמיד־חכם, געוועזענער רעדאק־טאר פון דער יידישע טאג־צייטונג אין לאנדאן: „די פאסט". כבוד זיין אנדענקן.

א. נ. שטענצל

אונזער טיפן מיטלייד צו אונזער חבר **דוד בערמאן**, צום נפטער ווערן פון זיין פאטער אברהם בערמאן, איינער פון בכבודיקסטע און עלטסטע מיט־גלידער, אלט זייענדיק 92 יאר. כבוד זיין אנדענקן.

פריינט פון יידיש לשון

איך דרוק אויס מיין טיפן מיטלייד צו מיין קוזינע **מרים לעווי, ראזא ראזענבוים**, און **איטא טאלהיימער**, צום נפטר ווערן פון זייער ליבער מוטער **חיה ברכה טענענבוים**.

יוסף הלל בינענפעלד

---

## יידיש ליטעראריש שבת - נאכמיטאגס

(33 בערנער סטר. א.1. 3 א זייגער)

שבת, דעם דריטן יוני — א פארטראג פון לייבל ביילי.
שבת, דעם 10'טן א שבועות פראגראם: יעקב ריכטיגער, מאיר באגדאנסקי.
שבת, דעם 17'טן אלעקציע פון קאמיל האניק: ירושלים און רוים.
שבת, דעם 24'סטן — יידל גאלדבערג.

אונזער פריינט **סעם לעוו**, דער סעקרעטאר פון בונד אין ענגלאנד, איז געווארן דעם חודש א בן שמונים, ווינטשן מיר אים פון גאנצן הארצן, אז ער זאל ווייטער אנגיין מיט זיין געזעלשאפטלעכער ארבעט און האבן נאך א סך געזונטע יארן מיט זיין ליבע פרוי עני.

פריינט פון יידיש לשון

---

מזל־טוב צום געבוירן פון אייער ערשטן זון, **יהונתן** — אלפרעד און קירסטן ווייט.

א. נ. שטענצל

אויסצוג פון אן ארטיקל, „אראבער, ישראלים און מאראל", אין „ניו סטייטסמען"
פון 2טן יוני, 1967

„עס איז קלאר וואס פאר א ליניע דער מערב דארף אננעמען. דער מערב זאל אומצווייטייטיק דערקלערן זיין אונטערשטיצונג, אז מדינת ישראל האט א רעכט צו עקזיסטירן אלס א שטאאט און באהאנדלט צו ווערן צוגלייך מיט אנדערע אינטערנאציאנאל אנערקענטע שטאאטן. צווייטנס, די עקזיסטירנדיקע גרענעצן זאלן גאראנטירט ווערן מיטן תנאי, אז שינויים זאל מען אדורכפירן בלויז אין דער ראם פון אן אנטגילטיקן שלום־אפמאך. דריטנס, מיר דארפן אויפסניי באהויפטן ישראלס רעכט צו די אינטערנאציאנאלע ים־וועגן, וואס זאל אויך איינשליסן דעם סועץ־קאנאל און דעם עקבה־אויסגוס. דאס אלץ זאל גע־זאגט ווערן אין א קלארערער שפראך ווי מיר האבן מיטוואך געהערט פון אונ־זערע מיניסטארן (דעם 31סטן מאי, 1967).

עס איז צופיל צו האפן, אז רוסלאנד וועט זיך אנשליסן אין אט אזא דעקלאראציע, אבער נישט צופיל צו רעכענען, אז רוסלאנד וועט עס האלטן פאר קליגער נישט צו שטעלן קיין מכשול אויפן וועג, אויב זי וועט עס וויסן בולט קלאר, אז טאמער איז עס נויטיק וועט מען אנווענדן כוח אדורכצופירן אט אזא באשלוס. דער מערב האט א לעצטן שאנס צוריקצוגעווינען זיין מאראַלע רעפוטאציע, וואס איז אים פארלוירן געגאנגען אין וויעט־נאם".

## עלא זילבערג

### סאבראס

(געווידמעט דעם יונגן חלוץ גרשון)

אונטער ציונס בלאען הימל,
שפראצט א נייער דור אצינד,
בלאע אויגן, בלאנדע קעפלעך,
סאבראס רופט מען ציונס קינד.

ניט געבויגן, ניט דערשראקן,
שטאלץ און פריי מיט העלדיש מוט,
בויט און פלאנצט דאס לאנד דער סאבראַ,
טרונקט דעם זאמד מיט שווייס און בלוט.

מיט די קי און מיט די קעלבער,
מיט די הינער און זיין פערד,
מיט זיין הייזל און זיין גערטל,
קעמפט פאר יעדן הויפן ערד.

ער פארוואקסן איז אין איינעם,
מיט ביים און בלום, מיט וואלט און פעלד
אפגעבן וועט ער עס קיינעם
פאר קיין אוצרות אין דער וועלט.

דא אין לאנד איז ער געבארן,
דא פארבלייבן ווערט ער שוין
קיינער ווערט אים ניט פערטרייבן,
סאבראס היים פארבלייבט ציון.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7־8 (העפט 427־8) אכט און צוואנציקסטן יאר יולי־אויג. 1967 לאנדאן

### אינהאלט

די עיר עתיקה, די זעקס טעג, פארן שלום פון דער וועלט, געקניפּט און געפלאנטערט, ירושלים ..... *** 1
לכבוד די גאולה פון ירושלים ..... יעקוב ריכטיגער 16
דער ווינט הערט (ליד) ..... יוסף לעפּטוויטש 20
דעם גורלס ליבלינג (דערציילונג) ..... יוסף ד. באסט 21
דריי זיינען זיי געווען (ליד) ..... שמואל וואהיט 25
בראשית — אין אנהייב (המשך) ..... א. נ. שטענצל 26
יידן און ישראל ..... אייזיק גאלדבערג 35
לאנד ישראל ..... מ. ניסענבוים 38
די קלאג מויער (פּאעמא) ..... מאריאן האמער 39
דער זילבערנער שפיגל פון ישראל, דאס יידישע טעאטער .....
אין ישראל היינט צוטאג ..... עלען ווינאגראד 43
שיין ווי א חלום (ליד) ..... דוד בערמאן 48
כ'האב ליב (ליד) ..... דארא טייטלבוים 49
יידל גאלדבערג, אסתר סאלאמאן .....
יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס .....

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—
'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל
פרייז 2 שילינג

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.*1

מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנא־מענט אַפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזע־ אַ־בעט.